STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06080

MILHOMES UN ANTISEMITIZM

Lazar Borodulin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין טייערן פריינד
הר׳ ד. [illegible]
א באשיידענע מתנה
פון ל. באראדולין
יוני 11, 1937, ברוקלין

מלחמות און אנטיסעמיטיזם

▼

פון

ל. באראדולין

▼

בידערמאַן פאַרלאַג

ניו־יאָרק, 1937

Copyright 1937
by
L. BORODULIN
New York, N. Y.

POSY—SHOULSON PRESS
19 W. 21st St., New York, N. Y.
255

מלחמות און אנטיסעמיטיזם

1.

אין אונזער געזעלשאַפטלאַכן לעבען קומען פאַר צוויי ניט נאָרמאַלע ערשיינונגען: איינע פון זיי איז מלחמות, און די צווייטע איז אַנטיסעמיטיזם. יעדע פון אַט די ערשיינונגען איז געגען אונזערע מאַטעריעלע אינטערעסען, געגען אונזער געזונטן שכל, געגען דער עטיק און מאָראַל וואָס מיר, מענ־שען, האָבען אליין באַשאַפען; יעדע פון זיי איז שעדלאַך פאַר אַלעמען און ברענגט קיינעם קיין נוצען ניט. און דאָך עקזיסטירען זיי אַלס רעאַלע פאַקטען און מען זעהט ניט קיין אָנהויב פון קיין סוף צו זיי. פרעגט זיך: מיט וואָס ערקלעהרען זיך אַט די ערשיינונגען און וואו ליגט דער כח מיט וועלכען זיי האַלטען אונז אין דעם פאַרכישופטען קרייז?

אַט דאָס ווילען מיר דאָ באַטראַכטען.

דער זיכערסטער און פאַרלעסלאַכסטער מעטאָד פון באַטראַכטען און לייזען פראָבלעמען איז דער וויסענשאַפטלאַכער. אַזוי פיעל פראָבלעמען טעכנישע, מעכאַנישע, ביאָלאָגישע, מעדיצינישע און אַנדערע זיינען געלייזט געוואָרען און אויף אַט די געביטען איז אַזאַ אַנגעזעהענער פראָגרעס געמאַכט געוואָרען דערפאַר, ווייל צו לייזען אַט די פראָבלעמען האָט מען אַנגעווענ־דעט וויסענשאַפטלאַכע מעטאָדען. און פראָבלעמען סאָציאַלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, מאָראַלע און אַנדערע זיינען ניט געלייזט געוואָרען און קיין אַנגעזעהענער פראָגרעס איז ניט געמאַכט געוואָרען פאַר די לעצטע פאַר טויזענט יאָהר דאַרפאַר, ווייל צו לייזען אַט די פראָבלעמען זיינען אַנגע־ווענדעט געוואָרען מעטאָדען אַנדערע, און ניט קיין וויסענשאַפטלאַכע.

און דער וויסענשאַפטלאַכער מעטאָד פון לייזען פראָבלעמען איז אַזאַ: פריהער פון אַלץ ווערט פעסטגעשטעלט די עקזיסטענץ פון אַ זאַך אָדער פּאַסירונג. דערנאָך, אויב עס לאָזט זיך, זוכט מען די אורזאַכען וואָס האָבען באַשאַפען די זאַך אָדער פּאַסירונג. און דערנאָך, אויב עס לאָזט זיך, זוכט

מען צו באַזייטיגען די אורזאַך כדי די זאַך אָדער פּאַסירונג זאָל פאַרשווינדען. אָבער פריהער פון אַלץ מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אַ געוויסע זאַך אָדער פּאַסירונג עקזעסטירט ווי אומגלויבלאַך, אָדער אומלאָגיש, אָדער פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט אויסזעהען צו זיין. מען טאָר אָבער אויף קיין איין מינוט ניט פאַרגעסען אַז קיין איין זאַך און קיין איין פּאַסירונג קען ניט אַנטשטעהן אָדער פאַרקומען פון זיך אַליין. יעדע זאַך און יעדע פּאַסירונג איז דער פּראָדוקט אָדער רעזולטאַט פון איר אורזאַך אָדער קאָמבינאַציע פון אורזאַכען. אַנדערש קען עס ניט זיין.

צו ערקלעהרען די ערשיינונגען פון מלחמות און אנטיסעמיטיזם ווערן אַנגעגעבען געוויסע מאָטיוען. דער הויפּט אַרגומענט וואָס ווערט אַנגעגעבען אלס אורזאַך פון מלחמות איז, אַז דאָס איז אונזער מענשלאַכער קאַמף פאַר עקזיסטענץ. איז דער אַרגומענט אַ פאַלשער און דער מאָטיוו איז ניט די אורזאַך פון מלחמות.

אויב אַן אָרגאַניזם פיהרט אַן א קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ מיינט עס, אַז ער אַטאַקירט אַ צווייטען אָרגאַניזם מיט דעם צוועק און אין דער האָפנונג צו קריגען פון אים עטוואָס וואָס איז אים, דעם אַטאַקירענדען אָרגאַניזם, נויטיג פאַר זיין עקזיסטענץ, אָדער קען אים צונוץ קומען. ער ריזיקירט דערביי מיט זיין אייגענעם לעבען אדער געזונט; דערפאַר אָבער האָט ער געוויסע שאַנסען, אָדער אויסזיכטען, אָדער האָפנונגען עפּעס צו געווינען אין פאַל ער וועט ארויס דער זיגער פון דעם קאַמף. די האָפנונג אָדער אויסזיכט צו געווינען עטוואָס מאַטעריעלעס איז דער הויפּט שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט קאמף פאַר עקזיסטענץ, אָבער יענע מענשען וואָס געהען ארויס אויף די שלאַכטפעלדער מיט געוועהר אין די הענט געווינען גאַרניט פון א מלחמה און האָבען קיין שום האָפנונגען און קיין אויסזיכטען צו געווינען עטוואָס מאַטעריעלעס אפילו ווען זייער צד וועט ארויסקומען דער זיגער פון דעם קאַמף.

אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבען זיך אויף די שלאַכטפעלדער באַטייליגט א סך מיליאָנען סאָלדאַטען. נאָך דעם ווי א גרויסע צאָהל פון זיי זיינען אויסגעהרג׳עט געוואָרען, און עטלאכע מאָל אזוי פיעל מענשען זיינען פאַרוואונדעט און צוקריפּעלט געוואָרען האָבען זיך א צאָהל סאָלדאַטען אומגעקערט צוריק צו זייערע היימען גאַנצערהייט. פרעגט זיך: וואָס האָבען געוואונען די לעבענגעבליבענע סאָלדאַטען פון די עלייס נאָך דעם ווי זייער צד איז ארויס דער זיגער פון דער מלחמה? וואָס האָבען זיי געבראַכט פון די שלאַכטפעלדער, אָדער וואָס האָבען זיי געקראָגען ביי זיך

אין דער היים, אָדער וואָס האָבען זיי געהאָפּט צו קריגען אין פאַל זייער צד וועט אַרויס דער זיגער פון דער מלחמה?

און דאָרטען וואו עס איז דאָ קאַמף אָהן וועלכער עס איז האָפנונג עפּעס צו געווינען, איז עס בלויז קאַמף, אָבער ניט פאַר עקזיסטענץ.

עס זיינען פאַראַן געוויסע עלעמענטען וואָס געווינען פון מלחמות, און זיי זיינען די פאַקטישע אורזאַכען פון די מלחמות. דאָס זיינען די באַנקירען, פאַבריקאַנטען, איבערהויפּט די פאַבריקאַנטען פון געוועהר; קעניגע, דיקטאַטאָרען, גענעראַלען, דיפּלאָמאַטען און אַנדערע. אָבער ערשטענס איז זייער צאָהל אומבאַדייטענד קליין אין פאַרגלייך מיט די מיליאָנען מענשען וואָס באַטייליגען זיך אין די שלאַכטען גופא מיט געוועהר אין די הענט; צווייטענס באַטייליגען זיי זיך ניט אויף די שלאַכטפעלדער און ריזיקירען ניט מיט זייערע לעבענס און געזונט; און דריטענס געווינען זיי סײַ ווי, צו זייער צד קומט אַרויס דער זיגער פון שלאַכטפעלד, אָדער ניט. בלויז צוויי מענשען האָבען אין דער לעצטער מלחמה פאַרלאָרען: ווילהעלם פון דייטשלאַנד האָט פאַרלאָרען די קרוין, און ניקאָלאַי פון רוסלאַנד האָט פאַרלאָרען דעם קאָפּ. די איבעריגע האָבען אַלע געוואונען. הינדענבורג, לודענדאָרף און די אַלע אַנדערע דייטשע גענעראַלען האָבען געוואונען אין כבוד און פּאָפּולאַריטעט און זיינען געוואָרען די העלדען פון זייערע פעלקער אפילו ווען זייער צד האָט די מלחמה פאַרלאָרען.

אין דער זעלבער צייט איז א מלחמה אַן ערשיינונג פון וועלכער אַלע ליידען און אַלע פאַרלירען, — אַחוץ די שוין דערמאָנטע עלעמענטען וועגען וועלכע מיר וועלען נאָך רעדען. ווייל מלחמה איז פריהער פון אַלץ אַ פּראָצעס פון פאַרניכטונג. אַן אָפיציעלע סטאַטיסטיק וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון אַ רעגירונגס-ביוראָ אין וואַשינגטאָן פאַרזיכערט, אַז די וועלט-מלחמה האָט אָפּגעקאָסט די פאַראייניגטע שטאַטען איבער 22 ביליאָן דאָלאַר. דאָס זיינען געוועזן דירעקטע אויסגאַבען. אָהער ווערט ניט אַריינגערעכענט וואָס דאָס לאַנד האָט פאַרלאָרען דורך דעם, וואָס מיליאָנען יונגע פּראָדוקטיווע מענער און פרויען זיינען געוועזן פאַרנומען מיט מלחמה טעטיקייטען און האָבען ניט פּראָדוצירט זאַכען נוצלאַכע. אָהער ווערן אויך ניט אַריינגערעכענט די ביליאָנען דאָלאַרס וואָס דאָס לאַנד האָט אויסגעבאָרגט צו פרעמדע לענדער און צוריק ניט געקראָגען. און די פאַראייניגטע שטאַטען האָט זיך באַטייליגט אין דער מלחמה בלויז 19 חדשים, און ניט די פולע פיער מיט א פערטעל יאָהר וואָס די מלחמה האָט אָנגעהאַלטען.

צו באַווייזען, אַז די מאָטיווען, וואָס ווערן אָנגעגעבען אלס אורזאַכען פון אַנטיסעמיטיזם זיינען פאַלשע, איז ניט מעגלאַך, ווייל די מאָטיווען זיינען ניט די אורזאַכען פון אנטיסעמיטיזם, נאָר תירוצים. פריהער קומט די אָנווענדונג פון אַנטיסעמיטיזם, און דערנאָך גיט מען אָן תירוצים צו פאַרטעפערן און רעכטפערטיגען דעם אַנטיסעמיטיזם. און ווייל עס זיינען קיין רעאַלע אורזאַכען ניטאָ, זיינען די תירוצים אזעלכע גרונדלאָזע, ווידער־שפּרעכענדע און לעכערלאַך הילפלאָזע.

דער אַלגעמיינער תירוץ איז, אַז די אידען זיינען אַ שעדלאַך פאָלק. דערנאָך געהען אוועק די וואַריאַציעס פון זייער „שעדלאַכקייט". איניגע זאָגען, אַז די אידען זיינען דערמיט שעדלאַך, וואָס זיי האָבען אַ געהיימע פאַרשווערונג צו פאַרכאַפּען און באַהערשען די גאַנצע וועלט. דאָס זאָגט מען וועגען די זעלבע אידען וואָס זיינען צוואָרפען איבער אַלע לענדער, רעדען פאַרשידענע לשונות, און זיינען צוטיילט אין פאַרשידענע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע קלאַסען וואָס קענען זיך בכלל ניט צוזאַמענרעדען, און האָבען ניט קיין איין ווינקעל אָן אייגענעם איבער דער גאַנצער וועלט.

אַנדערע זאָגען, אַז די אידען זיינען דערמיט שעדלאַך, וואָס זיי זיינען געלד דורשטיג און זיי פאַרכאַפּען די גאַנצע גאָלד פון דער וועלט. צייגען די פאַקטען און סטאַטיסטיקס, אַז אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואו די אידען האָבען קאָמערציעלע און אינדוסטריעלע געלעגענהייטען מיט אלעמען גלייך, זיינען די גרעסטע פאַבריקאַנטען, די גרעסטע באַנקירען, די גרעסטע סוחרים און די גרעסטע מיליאָנערן ניט קיין אידען.

ווען מען האָט אין די צאַרישע צייטען געפרעגט די רוסישע פויערים פאַרוואָס זיי באַפאַלען און פאַגראַמירען די אידען, האָבען זיי אָנגעגעבען אלס א תירוץ, אַז די אידען האָבען אַמאָל דער׳הרג׳עט זייער גאָט, ד. ה. דעם גאָט פון די קריסטען. אין זייער שטרעבונג צו געפינען וועלכען עס איז תירוץ כדי רעכטפערטיגען די פאָגראָמען, האָבען זיי צוגעגעבען, אַז זיי גלויבען אין אַ גאָט וועמען מענשען קענען משפטען און דערהרג׳ענען.

אלס אינגעל האָב איך געהערט פון רוסישע פויערים א טענה, אַז די אידען זיינען א צולהכעיס פאָלק: דאַן ווען ביי די קריסטען איז דער יום טוב „פאַסכאַ" און זיי עסען ווייסע, פוכקע, זיסע ברויט, — גראָדע דאַן קומען די אידען מיט זייער „פאַסקאַ" (פסח) און אויף צולהכעיס עסען זיי די אויסגעטריקענטע, אויסגעדאַרטע מצות. און מען האָט זיי, די פויע־רים, בשום אופן ניט געקענט גיבען צו פאַרשטעהן, אַז דער אידישער פסח מיט די אידישע מצות זיינען געבאָרען געוואָרען מיט הונדערטער יאָהרען

פריהער פאר׳ן קריסטלאַכען. אָבער פאר זיי, פאַר די פריהערדיגע רוסישע פויערים, איז עס געווען איינער פון די תירוצים פאר זייערע אנטיסעמיטישע האַנדלונגען.

אַנטיסעמיטיזם, ווי יעדע ערשיינונג אויף דער וועלט, האָט זיך באַטיר־לאַך זיינע אורזאַכען, און וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז די מאָטיווען וואָס די אנטיסעמיטען גופא גיבען אָן, זיינען פאַלשע, און דעריבער זיינען זיי ניט די אורזאַכען פון אנטיסעמיטיזם.

פון דער צווייטער זייט איז די אָנווענדונג פון אנטיסעמיטיזם זיכער שעדלאַך פאַר ביידע צדדים. אין די לענדער וואו די אידען ווערן פאַר־פאָלגט, ליידען זיי שרעקלאך פון מאָראַלע דערנידערונגען און פון מאַנגעל אין מיטלען צום לעבען, ווייל מען רויבט ביי זיי אַוועק די מעגלאַכקייט צו זיין פראָדוקטיוו. און די לענדער גופא ליידען פון דעם, ווייל דאָס רייכטום פון אַ לאַנד איז די סומע פון דער רייכטום פון אַלע אירע בירגער. און ווען ביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג ווערט אוועקגערויבט די מעגלאכקייט צו זיין פראָדוקטיוו, רופט זיך עס אָפּ אויף די אינטערעסען פון לאַנד.

האָבען מיר אין אונזער געזעלשאפט צוויי ערשיינונגען, — מלחמות און אנטיסעמיטיזם. קיין איינע פון זיי ברענגט קיינעם קיין נוצען ניט, און יעדע פון זיי איז זיכער שעדלאַך פאַר אַלעמען. די מאָטיווען, וואָס ווערן אָנגעגעבען אלס די אורזאַכען פון די ערשיינונגען, זיינען אָדער ניט קיין דערוויזענע, אָדער באַשיינפערלאַך פאַלשע. און דאָך קומען זיי פאָר. פרעגט זיך: וואָס זיינען די אמת׳ע אורזאַכען פון אָט די ערשיינונגען?

2.

אַלע אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען ווערן קאָנטראָלירט פון דריי גייסטיגע כוחות: ש כ ל, ג ע װ ו א ו י נ ה י י ט ע ן און ג ע ־ פ י ה ל ע ן.

אלס דער אַפּאַראַט פון שכל ווערט באַטראַכט דער מאַרך אין קאָפּ. דאָס איז אַ זעהר סענסעטיווע נערווען מאַסע, און אַלץ וואָס מיר זעהען, וואָס מיר הערן, אָדער נעמען אויף מיט די אנדערע חושים אונזערע דריקט זיך דאָרטען אָפּ אויף אַן אופן וואָס איז פאַר אונז ניט זעהר קלאָהר. אָבער אַזוי קומט עס פאָר, און מיט דעם דאַרפען מיר זיך רעכענען.

די אייגענשאַפטען פון דעם מאַרך, אויף וויפיעל עס האָט אַ שייכות צו אונזערע באַטראַכטונגען, זיינען די פאָלגענדע:

יענע זאַכען און פּאַסירונגען, וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, אָדער הערען מיט אונזערע אויערן, אָדער נעמען בכלל אויף מיט די חושים אונזערע, דרוקען זיך אָפּ אין מאַרך, און דער איינדרוק פאַרבלייבט דאָרטען אַ לאַנגע צייט, און אַמאָל אפילו אויף שטענדיג. אַ מאַן זעהט אַ העלפאַנט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען. מאַכט עס אַ געוויסען איינדרוק אין זיין מאַרך. אַ צייט שפּעטער „זעהט” ער דעם העלפאַנט אין זיין פאָרשטעלונג אפילו ווען ער קוקט ניט אויף אים. און אָט די פעהיגקייט פון מאַרך רופען מיר ז כ ר ו ן.

אַ צווייטע אייגענשאַפט פון דעם מאַרך איז אַזאַ: ער קען נעמען טיילען פון באַזונדערע בילדער וואָס האָבען זיך אָפּגעדרוקט אין זיין מאַרך און צוזאַמענבינדען זיי אין זיין פאָרשטעלונג אין איין גאַנצען בילד, אפילו ווען אַזאַ בילד איז אין דער ווירקלאַכקייט ניטאָ. אַ מאַן האָט געזעהען אַ פערד, און געזעהען אַן אָדלער, און געהערט ווי אַ הונט בילט. קען ער זיך פאָר־שטעלען אין זיינע געדאַנקען אַ באַשעפעניש וואָס זעהט אויס האַלב פערד און האַלב אָדלער און וואָס בילט ווי אַ הונט. אָט די פעהיגקייט פון מאַרך רופען מיר פ אַ נ ט אַ ז י ע.

אַ דריטע אייגענשאַפט פון מאַרך איז אַזאַ: איינער איז געגאַנגען איבער אַ בריקעל פון דיקע פרישע קלעצער און איז אריבער בשלום. אַ צווייטען מאָל איז ער געגאַנגען איבער אַ בריקעל פון אַלטע, דינע, איבערגעפוילטע קלעצער. האָט זיך דאָס בריקעל אונטער אים איבערגעבראָכען, און דער מאַן איז אריינגעפאַלען אין וואַסער. וועט ער א צווייטען מאָל וויסען, אַז געהן איבער אַ בריקעל פון דינע פוילע קלעצער איז געפעהרלאַך. און דער כלל איז, אַז ביז מיר וועלען זיך ניט אָפּבריהען ביי אַ פייער — וועלען מיר ניט וויסען אַז ביי א פייער קען מען זיך אָפּבריהען. און אָט די פעהיגקייט פון מאַרך רופען מיר לערנען פון ערפאַהרונג.

עס איז אָבער ניט נויטיג אַז מיר אליין און פערזענלאַך זאָלען איבערלעבען אַלע מעגלאַכע ערפאַהרונגען. פאַרקעהרט, — די גרעסטע מאָס ערפאַהרונגען און די גרעסטע מאָס וויסען וואָס יעדער פון אונז פאַרמאָגט, קומען ניט פון אייגענע, פערזענלאכע איבערלעבונגען; זיי קומען צו אונז פאַרטיגערהייט פון אַנדערע מענשען. מיר נעמען איבער פאַרטיגע ערפאַהרונגען פון דעם וואָס עס לערנען אונז אונזערע עלטערן און אונזערע לעהרער, וואָס עס לערנען אונז אַנדערע מענשען, און וואָס מיר לערנען פון ביכער. מיר, די מענשען פון אונזער צייט, און פון יעדען פעריאָד באזונדער, טראָגען אין זיך די סומע פון ערפאַהרונגען פון די אַלע פריהערדיגע דורות. איך האָב נאַפּאָלעאָנען קיין מאָל אין די אויגען ניט געזעהען און מיט אים ניט גערעדט; דאָך וויס איך אז ער האָט עקזעסטירט, איך וויס ווען און וואו ער איז געבוירען געוואָרען, וועלכע מלחמות ער האָט געפיהרט און ווען און וואו ער איז געשטאָרבען. און וואָלט איך אים איצטער באַגעגענט אין גאָס, וואָלט איך אים וואַרשיינלאך דערקענט. איך בין נאָך קיין מאָל ניט געביסען געוואָרען פון אַ גיפטיגער שלאַנג, און דאָך וויס איך אַז די איבערלעבונג איז א שרעקלאַכע, אַ פיינלאַכע, און אויב מען נעמט ניט אָן באַלד געוויסע מיטלען, קען מען פון דעם שטאַרבען. איך וויס אפילו וועלכע מיטלען מען דאַרף אָנווענדען און ווי אַזוי זיי ווערן צוגעגרייט, כאָטש איך אליין האָב עס ניט געזעהען.

3.

א צווייטער כח, וואָס קאָנטראָלירט אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען זיינען די געוואוינהייטען.

עס איז פאַראַן אַ געזעץ אין נאַטור, אַז כדי אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם זאָל קענען עקזיסטירען, מוז ער זיין צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון לעבען. די צופּאַסונג איז א דאָפּעלטע: די צופּאַסונג פון דעם מין, און די צופּאַסונג פון דעם איינצעלנעם אָרגאַניזם.

א לייב שפּייזט זיך בלויז מיט פרישע פלייש. זיינען די מוסקולען, די צייהן, די נעגעל, דער מאָגען און אַלע גלידער און אָרגאַנען זיינע צוגעפּאַסט צו כאַפּען אַנדערע חיות, צורייסען זיי און עסען זייער פלייש. זאָל דער לייב זיין געצוואונגען צו שפּייזען זיך מיט אנדערע שפּייזען און קיין פלייש ניט קריגען, וועט ער אונטערגעהן אין א קורצער צייט. און דער אָקס, פאַרקעהרט, איז צוגעפּאַסט צו שפּייזען זיך בלויז מיט גראָז; זיינען די צייהן זיינע, דער מאָגען און די אַנדערע אָרגאַנען צוגעפּאסט צו אָט דעם מין שפּייז. און זאָל ער זיין געצוואונגען צו עסען פלייש און קיין גראָז ניט קריגען, וועט ער אונטערגעהן אין אַ קורצער צייט.

און אַזוי איז מיט אַלע אַנדערע חיות און מיט די אַלע לעבעדיגע אָרגאַניזמען. יעדער פון זיי נעמט איבער בירושה פון זיינע עלטערן אַ פּאַרטיגע צוגעפּאַסטקייט צו די באַשטימטע באַדינגונגען פון לעבען. און דאָס איז די צוגעפּאַסטקייט פון דעם מין.

אָבער אַחוץ דעם מוז נאָך יעדער אָרגאַניזם באַזונדער, דער יחיד, דער אינדיווידיאום האָבען זיין אייגענע, זיין פערזענלאַכע צוגעפּאַסטקייט צום לעבען. דאָס ווענדעט זיך אָן זיינע פערזענלאכע קערפּערלאַכע און גייסטיגע פעהיגקייטען און אָן דער שטופּע צו וועלכער זיי זיינען ביי אים אַנטוויקעלט.

אַ וואָלף יאָגט זיך נאָך צוויי ציגען וואָס אַנטלויפען אין דער זעלבער ריכטונג. איז איינע פון זיי אַביסעל פלינקער און אַנטלויפט ווייטער; וועט

דער וואָלף כאַפּען די צווייטע ציג וואָס איז וויניגער פלינק און וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון דער ערשטער. צווישען חיות פון זעלבען מין קענען פאָרקומען געשלעגען צוליעב פאַרשידענע אורזאַכען, און גיכער פון אַלץ צוליעב דער באַזיץ פון דער נקבה. ווען פון אַזאַ געשלעג ארויס אלס דער זיגער די שטאַרקערע אָדער פלינקערע חיה. פיעלע חיות ווערן געכאַפּט און געהאַלטען אין די צירקען און אין די זאָאָלאָגישע גאַרטענס. אייניגע פון זיי, איבערהויפּט די אינגערע, פּאַסען זיך צו אין די נייע באַדינגונגען פון לעבען, און זיי ווערן באַזאָרגט מיט אלעם פאַרטיגען. און אַנדערע, איבערהויפּט די עלטערע, קענען זיך ניט צופּאַסען צו די נייע באדינגונגען פון לעבען, פיהלען זיי שלעכט אין דער געפאַנגענשאַפט, פיהרען אַ מיזע־ראַבעלען לעבען און אָפט שטאַרבען זיי מיט א פריהצייטיגען טויט.

דאָס לעבען פון דעם מענשען איז אסך מאָהל מעהר קאָמפּליצירט ווי דאָס לעבען פון א חיה, און אַ מענש מוז זיך צופּאַסען צום לעבען ניט נאָר דורך זיינע איינגעבוירענע פעהיגקייטען, נאָר הויפּטזעכלאַך דורך אַנטוויקלען אַט די פעהיגקייטען זיינע.

אַ מענש ווערט געבוירען אַלס אַ שטיקעל לעבעדיגע פלייש פון ווערכע 7־8 פונט, און איז אינגאַנצען הילפלאָז און אומבאהאָלפען. די עקזיסטענץ זיינע איז אָפּהענגיג פון אַנדערע, הויפּטזעכלאַך פון דער מוטער. אָבער ביסלאַכווייז וואַקסט דאָס קינד אונטער און הויבט אָן אַנטוויקלען זיינע פעהיגקייטען. ער לערנט זיך אויס געהן כדי אליין צו דערגרייכען זיינע ציעלען; ער לערנט זיך אויס רעדען כדי אויסצודריקען זיינע פאַרלאַנגען; ער לערנט זיך אויס צו באַנוצען כלים און געצייג כדי צו זיין וואָס מעהר אומאָפּהענגיג פון אַנדערע, און ער לערנט זיך אויס א מלאכה אָדער באַ־שעפטיגונג כדי דערנאָך צו מאַכען אַ לעבען פאַר זיך.

קינדער האָבען ליעב נאָכצומאַכען די ערוואַקסענע אין אַלע זייערע שפּילערייען, און זיי האַלטען אין איין שטעלען פראַגען, און דאָס רוב פראַגען זייערע זיינען „נאַרישע“. אָבער אין אַט די שטענדיגע פראַגען און אין אַט די נאָכמאַכונגען זייערע דריקען זיי אויס זייערע אינסטינקטיווע שטרעבונגען צו לערנען פון ערוואַקסענע כדי בעסער זיך צופּאַסען צו יענע באַדינגונגען און פאָדערונגען פון לעבען, וואָס האַלטען זיך אין רוקען אויף זיי. ווייל אויב די קינדער וועלען זיך ניט לערנען און ניט זיין צוגעפּאַסט צום לעבען וועלען זיי דערנאָך ניט קענען עקזעסטירען, אָדער זייער עקזיסטענץ וועט זיין אַ קלעגלאַכע, א מיזעראַבעלע. פּונקט ווי די 9 חדשים איידער דאָס קינד ווערט געבוירען איז דער פּעריאָד ווען עס פאָרמירט זיך זיין קערפּער,

— אַט פונקט אזוי איז די קינדהייט און יוגענד דער פעריאָד ווען עס פאַר־מירט זיך זיין גייסט און עס אַנטוויקלען זיך זיינע איינגעבוירענע פעהיגקייטען כדי צו זיין בעסער צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען און באַדינגונגען פון לעבען.

יעדער מין ארבייט און יעדע טעטיקייט האָט זיך איר פאָרם און דריקט זיך אויס דורך באזונדערע און אייגענאַרטיגע באַוועגונגען פון די הענט, פון די מוסקולען, פון דעם גאַנצען קערפּער און אפילו פון די געדאַנקען, — מעגען אַפילו די טעטיקייטען אָדער ארבייטען זיין עהנלאַך צווישען זיך. אי אַ שמיד, אי אַ טישלער, אי אַ שוסטער, אי אַ זייגערמאַכער ווענדעט אָן אַ האַמער ביי זיין ארבייט; אָבער די האַמערס זיינען פאַרשידען ביי יעדען פון זיי, פאַרשידען זיינען די מאַטעריאַלען אָן וועלכע זיי קלאַפּען, פאַרשידען איז דער פאַרנעם פון דעם קלאַפּען, און דעריבער זיינען פאַרשידען די באַוועגונגען פון זייערע הענט.

איינער קען אָפזיין אַ שמיד יאָהרען לאַנג און זיין צוגעוואוינט צו באַנוצען אַ האַמער. דאָך ווען ער זאָל פּלוצים זיין געצוואונגען צו נעמען אין האַנט אַ האַמער פון אַ טישלער און טאָן טישלערישע ארבייט, וועט ער ניט זיין זיכער אין זיינע באַוועגונגען, די ארבייט וועט זיך ביי אים ניט קלעפּען און וועט ניט אויסקומען אזוי שנעל און אַזוי גלאַטיג ווי ביי אַ דורכ־שניטלאַכען טישלער. ווייל פאַר די יאָהרען וואָס ער האָט געטאָן זיין שמי־דישע ארבייט זיינען די הענט זיינע, די מוסקולען זיינע, די אויגען זיינע און אפילו די געדאַנקען זיינע צוגעוואוינט און צוגעפּאַסט געוואָרען צו א האַמער פון א געוויסער פאָרם, פון אַ געוויסער וואָג, און געקלאַפּט האָט ער איבער אַ מאַטעריאַל וואָס האָט ארויסגעצייגט אַ געוויסען און באַשטימטען ווידערשטאַנד. און ווען ער איז פּלוצים געצוואונגען געוואָרען צו טאָן טישלערישע ארבייט, מיינט עס, אַז ער איז אריינגעשטעלט געוואָרען אין נייע באַדינגונגען פון טעטיקייט צו וועלכע ער האָט זיך נאָך ניט צוגעפּאַסט; און דערפאַר האָט זיך עס ביי אים ניט געקלעפּט.

אידער ער איז געוואָרען א שמיד האָט ער זיך די מלאכה געלערענט. אויף דעם האָט ער געמוזט אוועקגעבען א געוויסע מאָס ענערגיע. אָבער דאָן האָט ער עס געמוזט טאָן, — איך מיין דאָס אוועקגעבען ענערגיע אויף לערנען זיך; און געטאָן האָט ער עס גערן און ווילינ, ווייל די יוגענד איז דער פעריאָד פון לערנען זיך. און ווייל ער איז דאָן געווען יונג, זיינען דער קערפּער זיינער און די נשמה זיינע געווען רוי, בויגזאַם, פּלאַסטיש

און עלאַסטיש און זיך געלאָזט פורמירען כדי בעסער זיך צופאַסען צו די קומענדע פאָדערונגען פון לעבען. אָבער ווען ער דאַרף זיך אָנהויבען לערנען א נייע מלאכה איצטער, ווען ער איז א רייפער מאַן אין די יאָהרען, אַן ערפאַהרענער און איינגעאיבטער שמיד, וועט ער דארפען ניט נאָר אָנ־ווענדען פרישע ענערגיע אויף לערנען זיך, נאָר וועט נאָך מוזען האָבען מעהר ענערגיע ווי פריהער; ווייל איצטער וועט ער דאַרפען ניט נאָר לערנען זיך אַ נייע מלאכה, נאָר איבערלערנען זיך. ער וועט נעמען דעם נייעם האַמער אין האַנט און וועט וועלען קלאַפּען אויף דעם טישלערישען אופן, און די האַנט וועט ציהען צו קלאַפּען אויף דעם שמידישען אופן ווי ער איז צו דעם צוגעוואוינט געוואָרען פאַר אזוי פיעל יאָהרען.

נאַטירלאַך, — ווען ער וועט קיין אַנדער ברירה ניט האָבען; אויב שמידעריי איז פּלוצים אונטערגעגאַנגען, און דאָס איינציגע ביי וואָס ער קען איצטער מאַכען א לעבען איז טישלעריי, וועט ער זיך אָנהויבען לערנען די נייע מלאכה. אָבער קיין חישק צו דעם וועט ער ניט האָבען; און וועט ער נאָר האָבען די קלענסטע ברירה — וועט ער בעסער בלייבען ביי זיין שמידעריי, אפילו ווען ער זאָל דערביי מאַכען אַן אָרימערן לעבען.

אַזוי איז מיט ארבייט און אזוי איז מיט אַלע פאָרמען פון מענשלאַכע טעטיקייטען. איינער איז געבוירען געוואָרען און איז אויסגעוואַקסען אין א שטעטל אין אַ געוויסער פּראָווינץ ערגעץ אין פראַנקרייך, און פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אויסגעלערענט צו רעדען פראַנצויזיש און לויט דער אויס־שפּראַך און דיאַלעקט פון זיין שטאָט און פּראָווינץ. זיין צונג, זיינע באַקען, זיינע צייהן און די אַלע אַנדערע טיילען פון זיין מויל וואָס באַטייליגען זיך אין דעם פּראָצעס פון רעדען, זיינען פון קינדווייז אָן צוגעפּאַסט און איינ־געאיבט געוואָרען צו רעדען אָט די שפּראַך, אויף אָט דעם באַשטימטען דיאַלעקט. און ווען ער ווערט דערנאָך געצוואונגען צו עמיגרירען אין אַן אַנדער לאַנד און מוז זיך לערנען די נייע שפּראַך, קומט עס אים אָן גאַנץ שווער. ער דאַרף ניט נאָר אויסלערנען אויף אויסווייניג נייע ווערטער, נאָר אפילו אַזעלכע ווערטער וואָס קלינגען עהנלאַך אויףביידע שפּראַכען דאַרף מען אויסרעדען אַנדערש, מיט אַן אַנדער אַקצענט. אַ געוויסער וואָרט, צ. ב. ש. ווערט אויסגערעדט אין ענגליש „סיוויליזיישאָן", מיט׳ן אַקצענט אויפ׳ן „זיי"; און אין פראַנצויזיש רעדט זיך אויס דער זעלבער וואָרט „סי־וויליזאציאָן", מיט׳ן אַקצענט אויפ׳ן „אָן", און דער „נ" ווערט אויסגערעדט אונטער׳ן נאָז. קומט עס אָן שווער, און מיטעליעהריגע מענשען, וואָס האָבען זיך אזוי פיעל יאָהרען איינגעאיבט אין זייער אייגען שפּראַך, לערנען

זיך געוועהנלאך קיין מאָל ניט אויס צו רעדען די נייע שפראַך פּערפעקט. נאַטירלאַך, ווען מען האָט קיין אנדער ברירה ניט, ווען מען ווערט דערצו געטריבען פון אומשטענדען, לערנט מען זיך די נייע שפראַך און מען רעדט אויף איר ווי מען קען; עס קומט אָבער אָן שווער.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דאָס גייסטיג לעבען פון מענשען. א קינד ווערט געבוירען אין אַ פאַמיליע וואו עס הערשט אַ געוויסע און באַשטימטע גייסטיגע אַטמאָספערע וואָס האָט זיך פאָרמירט אין דעם משך פון אסך דורות. די עלטערן באַלאַנגען צו א געוויסער נאַציאָנאַליטעט און צו א געוויסער רעליגיע; זיי האָבען זייערע באַשטימטע מנהגים, זיטען, טראַדי־ציעס, אויפפיהרונגען, מאָראַל, עטיק און זייערע אייגענע באַגריפען וועגען דעם וואָס עס איז רעכט און וואָס עס איז אומרעכט. אין אָט דער אַטמאָס־פערע וואַקסט דאָס קינד און נעמט איבער די זיטען און אויפפיהרונגען. און פונקט ווי די מוטער לערנט אים גענן און עסען מיט א לעפעל, אָט פונקט אַזוי לערנט זי אים וואָס מען דאַרף, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט טאָן. ווערן פון אָנהויב זיינע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען קאָנטראָלירט און באַשטימט פון אנדערע — פון די עלטערן, פון די לעהרער, פון דער געזעלשאפטלאַכער מיינונג, — ביז עס ווערט ביי אים א געוואוינהייט. פונקט ווי די מוסקולען ביים שמיד זיינען צוגעוואוינט צו זייער באשטימטער ארבייט, און פונקט ווי דער צונג און דאָס מויל ביים פראַנצויז זיינען צוגע־וואוינט צו זייער שפראַך, — פונקט אזוי ווערט א מענש וואָס איז אויס־געוואַקסען און ערצויגען געוואָרען אין א געוויסער גייסטיגער אַטמאָספערע, צוגעוואוינט צו א געוויסער און באשטימטער פאָרם פון באגריפען, צו באַ־שטימטע אויפפיהרונגען און באציהונגען און אפילו צו א באַשטימטען גאַנג פון געדאַנקען. דערנאַך איז אים שווער צו אַדאַפּטירען אַנדערע, פרעמדע באגריפען, אויפפיהרונגען און געדאַנקען.

עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס פאַר־מאָגען אַ גרעסערע מאָס ענערגיע, ברייטערע אונטערנעמונגס פעהיקייטען און א מעהר זעלבסטשטענדיקען און אומאָפּהענגיגען גייסט. זיי באַנוגענען זיך ניט מיט דעם וואָס מען האָט זיי אויסגעלערענט און מיט דעם צו וואָס מען האָט זיי צוגעוואוינט. זיי זוכען ארויסצוגעהן פון זייערע ענגע ראַמען. אַזאַ איינער וועט זיך ניט באַנוגענען צו זיין בלויז א שמיד, — ער וועט קענען אויך פאַרריכטען א שלאָס, טאָן אַ שטיק טישלערישע ארבייט און אפילו פאַרריכטען א פּאָר שיך ניט ערגער פון א פּראָפעסיאָנעלען שוסטער. איינער וואָס האָט לינגוויסטישע פעהיקייטען און נייגונגען וועט זיך ניט

באַנוגענען מיט זיין מוטער־שפּראַך, — ער וועט זיך אויסלערנען נאָך עטלאַכע פרעמדע שפּראַכען. פאַראַן מענשען וואָס רעדען, לייענען און שרייבען גאַנץ פליסיג א שעהנע עטלאַכע פרעמדע שפּראַכען. און עס זיינען פאַראַן מענ־שען וואָס ווערן געבוירען, אויפגעוואַקסען און ערצויגען אין א געוויסער גייסטיגער אַטמאָספערע, אָבער דערנאָך, ווען זיי וואַקסען אויס, און קוקען זיך אַרום, און נעמען זיך אָן מיט אייגענע לעבענסערפאַהרונגען, הויבען זיי אָן טראַכטען זעלבסטשטענדיג און קומען צו באַשלוסען וואָס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס מ׳האָט זיי שטענדיג געלערענט, אדער אפילו להיפוך צו דעם וואָס מען האָט זיי געלערענט. זאָגען זיי זיך אָפּ פון זייערע פריהערדיגע געדאַנקען און אויפפיהרונגען און נעמען אָן און אַדאָפּטירען נייע. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע. אָבער אין פאַרגלייך מיט די ריזיגע מאַסען פון זייערע פעלקער איז די צאָהל זייערע אומבאַדייטענד קליין. דאָס רוב מענשען זיינען קאָנסערוואַטיוו. צו טראַכטען און האַנדלען זעלבסטשטענדיג האָבען זיי ניט קיין צייט, ניט קיין ענערגיע, ניט קיין חשק און ניט קיין פעהיגקייטען. פאַרבלייבען זיי די גאַנצע לעבענס זייערע מיט יענע געדאַנ־קען, באַגריפען, אויפפיהרונגען און באַציהונגען וואָס מען האָט פון קינדוויי אָן איינגעפלאַנצט אין זיי, און יעדען נייעם באַגריף אָדער געדאַנק אָן וועלכען זיי שטויסען זיך אָן אין גאַנג פון לעבען שטופען זיי אָפּ פון זיך מיט קראַפט, אָדער קעהרען זיך אָפּ פון אים מיט שרעק, ווי אָט דער נייער געדאַנק זאָל זיין ניט גוט, ניט רעכט, בייז אָדער שעדלאַך.

פרואווט אריינפאָהרען אין אַ וויטען דאָרף אָדער קליין שטעטל אין יעדען לאַנד פון דער וועלט און קוקט זיך איין ווי די מענשען לעבען דאָרטען און ווי זיי פיהרען זיך אויף, און הערט זיך צו צום גאַנג פון זייערע געדאַנ־קען; און פרואווט זיי ערקלעהרען, אז איצטער זיינען שוין נייע צייטען, אז איצטער טראַכט מען אנדערש און מען האַנדעלט אַנדערש, און פרואווט זיי ערקלעהרען, אז זיי זיינען בארעכטיגט צו אַ בעסערן און פרייערן לעבען; און פרואווט זיי לערנען ווי אזוי זיי זאָלען פאָדערן דאָס, צו וואָס זיי זיינען באַרעכטיגט, אויף וואָס זיי האָבען א רעכט, — וועט איר זעהען מיט וואָס פאַר א געגנערשאַפט און אפילו שנאה מען וועט אייך באַגעגענען! ניט איין מאַן איז שוין געפייניגט געוואָרען, און ניט איין מאַן האָט שוין זיין לעבען פאַרלאָרען, ווען ער איז געקומען לערנען ערוואַקסענע מענשען נייע וועגען און נייע געדאַנקען וואָס וואָלטען זייערע אייגענע לעבענס פאַרלייכטערט.

וויפיעל בלוט עס האָט זיך פאַרגאָסען און וויפיעל פיין און יסורים עס זיינען איבערגעלידען געוואָרען אין דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטען

ווען מען האָט דאָרטען געוואָלט איבערבויען די סטרוקטור פון דעם דאָרף און צווינגען די פויערים צו אַרבייטען קאָלעקטיוו, כאָטש פיעלע יאָהרען פון ערפאַהרונגען אין אַנדערע לענדער האָבען באַוויזען, אַז ביי קאָלעקטיווער טעטיקייט ארבייט מען וויניגער און מען האָט מעהר.

ווען מען האָט אין די צייטען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען באַפרייט די רוסישע פויערים פון שקלאַפעריי, האָבען זיך געפונען אסך פויערים וואָס האָבען עס ניט געוואָלט אַנערקענען. אמת, — דאָס האָט זיך ניט באַצויגען צו די פויערים פון די דערפער, נאָר צו די אזוי גערופענע „דוואָראָוויע״, ד. ה. די שקלאַפען וואָס האָבען פערזענלאַך באַדינט דעם פריץ אלס קוכערס, גערטנער, יעגער, לאַקייען און די אנדערע. פאַרהעלטעניסמעסיג האָט זיך זיי געלעבט עטוואָס בעסער ווי די פויערים אין דאָרף: זיי האָבען זיך געשפייזט מיט דעם וואָס עס איז אָפּגעפאַלען פון דעם פריץ׳עס טיש און האָבען געטראָגען די קליידער וואָס זיינען אראָפּגעפאַלען פון דעם פריץ׳ער פלייצעס. זיינען זיי געוועזען צופרידען מיט זייער לאַגע, און ווען מען האָט זיי ערקלעהרט, אַז זיי זיינען איצטער פרייע מענשען, אַז זיי זיינען שוין ניט מעהר קיין שקלאַפען, אַז דער פריץ קען זיי שוין מעהר ניט קויפען און פאַרקויפען ווי פערד, שעפסען און חזירים, — האָבען זיי זיך אַנטזאָגט דאָס צו אנערקענען. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז ניט אמת; אַז אַזאַ זאַך קען אפשר פּאַסירען ביי די „ניט גלויביגע״ דייטשען אָדער טערקען, אָבער ניט אין „אונזער הייליגער ראָסעיע״.

די זעלבע זאַך איז אויך פאָרגעקומען דאָ, אין אמעריקא, ווען מען האָט דאָ באַפרייט די נעגערס פון שקלאַפעריי. דערפרעהט מיט דעם האָבען זיך נאָר די נעגערס פון די פּלאַנטאַציעס וואָס זיינען באַהאַנדעלט געוואָרען ערגער ווי הינט, פערד און חזירים. אָבער יענע שוואַרצע שקלאַפען, וואָס האָבען באַדינט דעם פריץ פערזענלאַך, האָבען זיך ארומגעדרעהט אין זיין הויף, האָבען געגעסען בעסער, געטרונקען בעסער און געשמיסען געוואָרען וויניגער, — האָבען די באַפרייאונג פון שקלאַפעריי ניט אַנערקענט, און דאָס רוב פון זיי זיינען פאַרבליבען געטריי זייערע פריצים ביז די לעצטע טעג פון זייערע לעבענס.

4.

דער דריטער, און מעכטיגסטער, גייסטיגער כח, וואָס קאָנטראָלירט אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען, זיינען אונזערע ג ע פ י ה ל ע ן. אַ געפיהל איז אַן אינערלאַכע איבערלעבונג וואָס דריקט זיך אויס אין פאַר־לאַנגען און גלוסטונגען.

דער עלעמענטאַרסטער געפיהל איז ה ו נ ג ע ר. עטלאַכע שעה נאָך דעם ווי אַ מענש האָט אָפּגעגעסען הויבט אָן די איבערגעקאָכטע שפייז ארי־בערגעהן פון דעם מאָגען אין די קישקעס אריין; דער מאָגען ליידיגט זיך אויס, און עס ערוועקט זיך אַ פאַרלאַנג צו עסען נאָך אַמאָל. אָט דעם געפיהל וואָס מען לעבט איבער דערביי און וואָס דריקט זיך אויס אין דעם פאַרלאַנג צו עסען, רופען מיר הונגער.

וואָס לענגער מען וואַרט מיט'ן עסען — אַלץ שאַרפער, אָדער שטאַר־קער, אָדער טיפער ווערט דער געפיהל פון הונגער. אין די ערשטע מאָ־מענטען פון הונגער זיינען מיר איבערקלייבעריש מיט'ן עסען; מיר וואָלטען בעסער אויסגעקליבען א מעהר אַפּעטיטנע שפייז. אָבער וואָס לענגער מיר וואַרטען — אַלץ שטאַרקער ווערט דער הונגער און אַלץ ווייניגער איבער־קלייבעריש ווערען מיר. אין עקסטרימע פאַלען פון הונגער זיינען מענשען פעהיג צו עסען אזעלכע שפייזען פון וועלכע עס עקעלט זיי אין געוועהנליכע צייטען. הייסט עס, אַז דער געפיהל קען זיין שטאַרקער און שוואַכער; און דאָס איז איינער פון די אייגענשאַפטען פון דעם געפיהל.

א צווייטער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט אַ געפיהל איז וואָס מען קען אים צורייצען. אַ מאַן איז נאָך ניט הונגעריג און איז אייגענטליך נאָך ניט גרייט פאר זיין נעקסטען מאָהלצייט. אָבער אָט קומט ער אריין אין א הויז פון א פריינד וואו מען האָלט אין דערלאַנגען אויפ'ן טיש טעלער מיט פאַרשידענע אַפּעטיטנע מאכלים און זייער גערוך קיצעלט די נאָז. דער־פיהלט ער פלוצים אַ הונגער און איז גרייט צו באַטייליגען זיך אין דעם

מאָלצייט. און ווען מען לאַדט אים איין צום טיש און מען גיט אים נאָך דערצו א טרונק בראַנפען, עסט ער מיט אן אומערוואַרטעטען אַפּעטיט.

ווען אַ מענש איז הונגעריג און ער קריגט וואָס צו עסען, האָט ער פון דעם הנאה. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אַז ווען איינער האָט דעם געפיהל פון הונגער און ער באַפרידיגט דעם געפיהל מיט א מאָהלצייט, פאַרשאַפט עס אים פאַרגעניגען. וואָס מעהר הונגעריג ער איז, אָדער וואָס שאַרפער דער געפיהל ווערט אין אים צורייצט — אַלץ גרעסער איז דער פאַרגעניגען וואָס ער לעבט איבער ווען ער באַפרידיגט דעם געפיהל.

און דאָס זיינען די שטריכען וואָס כאַראַקטעריזירען יעדען געפיהל באזונדער, און ניט נאָר פון הונגער:

אַ געפיהל וועקט אַ פאַרלאַנג אָדער אַ שטרעבונג;

אַ געפיהל קען זיין שטאַרקער אָדער שוואַכער, טיפער אָדער פלאַכער;

אַ געפיהל קען ווערן צורייצט פון דרויסענדיגע אומשטענדען;

ווען אַ געפיהל ווערט באפרידיגט — לעבען מיר איבער אַ פאַרגעניגען. וואָס שטאַרקער אָדער טיפער דער געפיהל, אָדער וואָס שטאַרקער ער איז צורייצט — אַלץ שטאַרקער איז דער פאַרגעניגען וואָס מען לעבט איבער ווען ער ווערט באַפרידיגט.

אַ צווייטער עלעמענטאַרער געפיהל איז **ה ו נ ג ע ר פ ו ן ג ע ש ל ע כ ט**. דער ביאָלאָגישער באַזיס פון דעם געפיהל איז אַזאַ:

עס איז פאַראַן אַ געזעץ אין נאַטור וואָס פאָדערט אַז די לעבעדיגע אָרגאַניזמען זאָלען אליין זאָרגען וועגען דעם אז זייער מין זאָל ניט אונטער־געהן. דאָס קען דערגרייכט ווערן בלויז דורך דעם, אז זיי זאָלן האָבען קינדער וואָס וועלען פאַרטזעצען די עקזיסטענץ פון דעם מין, ווען דער עלטערער דור וועט אָפּשטאַרבען. עס האָט זיך אָבער אזוי געמאַכט, אז די לעבעדיגע אָרגאַניזמען זיינען צוטיילט אין צוויי געשלעכטען: מענער און פרויען. קינדער האָבען קענען בלויז די פרויען, און ניט די מענער. אָבער א פרוי קען ניט האָבען א קינד סיידען זי וועט זיך פריהער פאָרען מיט'ן מאַן. אָבער כדי צו פאַרזיכערן, אַז די לעבעדיגע אָרגאַניזמען זאָלען זיך ניט אויסדרעהען פון ערפילען אָט די ביאָלאָגישע פונקציע זייערע, האָט זיך די נאַטור באַזאָרגט מיט דעם וואָס זי האָט אי אין דעם מאַן, אי אין דער פרוי פאַרפלאַנצט אַ ספּעציעלען געפיהל פון געשלעכטלאַכער גלוסטונג,

אן אינערלאַכע שטרעבונג צו א געשלעכטלאכען פאַרקעהר. און אָט דעם געפיהל רופען מיר עס געשלעכטלאכער הונגער.

אויף אָט דעם געפיהל, ווי אויף אלע אנדערע, באַציהען זיך די זעלבע כללים וואָס זיינען אויסגערעכענט געוואָרען אין באַצוג צום הונגער פון מאָגען: דער געפיהל קען זיין שטאַרקער אָדער שוואַכער; דער געפיהל קען צורייצט ווערן פון דרויסענדיגע ווירקונגען, ווי פאָרנאָגראַפישע ליטע־ראַטור, עראָטישע בילדער און אַנדערע; דער געפיהל וועקט אין אונז געוויסע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען; און מען לעבט איבער פאַרגעניגען ווען דער געפיהל ווערט באַפרידיגט.

נאָך א געפיהל איז ע ה ר ע נ ג י י צ י ק י י ט. דער געפיהל דריקט זיך אויס אין געיעג נאָך כבוד און אין דער שטרעבונג צו באַריהמען זיך. קיין איין נאָרמאַלער מענש, ווי באַשיידען ער זאָל ניט זיין, איז ניט פריי פון אים, ווי ער איז ניט פריי פון די ערשטע צוויי געפיהלען. און ווי אין דעם פאַל פון אַלע געפיהלען — קען ער זיין שטאַרקער און שוואַכער; איינער קען זיך יאָגען נאָך כבוד שטאַרקער ווי א צווייטער. דער געפיהל קען אויך צורייצט ווערן. ווען איינער איז אין אַ לאַגע ווען ער באַטראַכט זיך צו זיין באַרעכטיגט צו א געוויסער מאָס כבוד, און ער קריגט עס ניט, קען עס אים פאַרדריסען; און כדי אים צו באַפרידיגען („איבערבעטען”) וועט מען אים דערנאָך מוזען גיבען מעהר כבוד ווי די מאָס צו וועלכער ער האָט זיך פריהער באַטראַכט צו זיין באַרעכטיגט. דער געפיהל ווערט אויך צו־רייצט ווען מען ווערט באַליידיגט, ווען מען קריגט אומכבוד, ווען מען נעמט אַראָפּ פון זיין כבוד. און ווי אין דעם פאַל פון אלע געפיהלען — לעבט מען אויך איבער א פאַרגעניגען ווען אָט דער געפיהל ווערט באַפרידיגט, ד. ה. ווען מען קריגט כבוד.

סאַי אין דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם, און סאַי אין דער געשיכטע פון פעלקער גאַנצע, שפּילט דער געפיהל פון עהרענגייציקייט א זעהר גרויסע ראָלע. אין געיעג נאָך כבוד זיינען מענשען גרייט צו צאָהלען גרויסע פרייזען און מען איז גרייט צו פאַרפיהרען קריגעריי׳ען און געשלעגען. א גרויסע צאָהל מלחמות, אויב ניט די גרעסטע צאָהל, זיינען געפיהרט געוואָרען אין געיעג נאָך כבוד. די געשיכטע איז פול מיט פאַלען, ווען א ברודער איז געגאַנגען געגען א ברודער, אָדער אַ פאָטער געגען זיין זוהן, אָדער אַ זוהן געגען פאָטער, אָדער אַ מאַן געגען זיין פרוי, אָדער א פרוי געגען

איר מאַן, און מען האָט געלאָזט איינער דעם צווייטען פאַרשפאַרען אין תפיסה, אָדער פאַרגיפטען, אָדער דערשטעכען כדי אליין צו פאַרכאַפּען דעם טראָן, ד. ה. צו שטעלען זיך אין א פּאָזיציע ווען מען קריגט די העכסטע מאָס כבוד.

א גרויסע צאָהל פרויען ווערן „געגנומען" דורך דעם וואָס מען זאָגט זיי קאָמפּלימענטען, ווען מען זאָגט זיי, אז זיי זיינען גוט און קלוג און איבער־הויפּט, אז זיי זיינען שעהן. דאָס באַפרידיגט זייער געפיהל פון עהרענ־גייציקייט, ווערן זיי מילדער און נאָכגעביגער. אמת — צוזאַמען מיט דעם ווירקט דאָ אויך דער מאָטיוו פון געשלעכט. אבער — ערשטענס האָבען מיר דאָך פריהער גערעדט, אז דאָס רוב ערשיינונגען זיינען דער רעזולטאַט ניט פון איין אורזאַך, נאָר פון עטלאַכע אורזאַכען; און, צווייטענס — פּרוואווט איבעררעדען א פרוי אויף אייער זייט און זאָגען איר, אז זי איז אַ נאַר און מיאוס!...

דער זעלבער געפיהל שפּילט אויך א גרויסע ראָלע אין אונזער סאָ־ציאַלען און פּאָליטישען לעבען: א גרויסע צאָהל מענשען פאַרנעמען זאַט ניט באַרעכטיגטערהייט פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלאַכע פּאָזיציעס בלויז דורך חניפה, ד. ה. זאָגען ווענען מען דאַרף פאַרשידענע קאָמפּלימענטען און באַפרידיגען זייערע געפיהלען פון עהרענגייציקייט.

אין געיעג נאָך כבוד זיינען מענשען גרייט זיך אליין צו ערנידערן. עס קלינגט ווי א ווידערשפּרוך צו זיך אליין, אָבער אַזוי קומט עס פאָר אין דער רעאַלער ווירקלאַכקייט.

אין אַ שטאָט אין דעם אַמאָליגען רוסלאנד האָב איך געקענט אַן ערוואַקסען מיידעל פון אַן אָרימער פאַמיליע. דאָס מיידעל איז געווען א גאַנץ שעהנע און ווייט ניט קיין נאַר, נאָר מיט א ליידענשאַפטלאַכען געפיהל פון געיעג נאָך כבוד. פלעגט זי אָפט געהן אין א רייכען הויז פון א ווייטער קרובה, דאָרטען האָט מען זי ווייטער ווי אין קיך ניט געלאָזען, און געדולדעט האָט מען זי בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט זיך באַמיהט צו מאַכען זיך נוצלאַך און פאָלגען אַ גאַנג, איבערהויפּט ווען מען האָט איר געגעבען עטלאַכע צעהנדליג קאָפּיקעס אויף אַן „איזוואָשטשיק" (וואָס אין אמעריקא איז איצטער א טעקסי־קעב) כדי ערגעץ צו פאָהרען פאַר דער רייכער קרובה. זי פלעגט דאָרטען קריגען אלס מתנות אונטערגעטראָגענע קליידלאַך. דערנאָך האָט זי זיך באַריהמט אין אירע קרייזען, אַז אין יענעם הויז איז זי „אַן אייגענער מענש", אַז מען קען זיך אָהן איר דאָרטען ניט באַגעהן, אַז זי פאָהרט שטענדיג ארום אויף „איזוואָזשטשיקעס" און אז מען גיט איר דאָרטען

אַלס פּרעזענטען טייערע קליידער וואָס מען באַשטעלט פאַר איר ביי געוויסע מאָדיסטקעס. זי פלעגט אַראָפּשניידען דעם „לייבעל" פון איר קרובה'ס אַן אַלטען מאַנטעל און אָנגענעהט אויף איר אייגענעם מאַנטעל כדי צו באַריהמען זיך, אז איר מאַנטעל שטאַמט פון א געוויסער פירמע. דער גרעסטער פאַרגעניגען אירער איז געווען צו געהן אין מאַרק איינצוקויפען פאַר דער קרובה, צוליב דעם פאַרגעניגען פון אויסגעבען געלד און ווערן אונטערטעניג באַהאַנדעלט פון די קרעמער; און הויפּטזעכלאַך דערפאַר, וואָס הינטער איר פלעגט נאָכגעהן דער קרובה'ס דינסט מיט א קאָשיק אין האַנט.

איך גיב דאָ איבער דעם פאַל אלס אן אילוסטראַציע. איך בין זיכער, אַז יעדער פון די לעזער פון די שורות ווייסט אין זיינע קרייזען פון מענשען מיט עהנלאַכע ליידענשאַפטלאַכע געפיהלען פון עהרענגייציקייט און באַרימעריי, וואָס זיינען גרייט צו ערנידערן זיך אין איין אָרט כדי צו קריגען כבוד אָדער אויסבאַריהמען זיך אין א צווייטען אָרט.

פילע יונגע פרויען פאַרקויפען זיך צו יעדען איינעם וואָס גיט א העכערן פרייז כדי צו גלאַנצען פאַר אנדערע מיט זייערע טייערע קליידער, אויטאָמאָבילן און צירונג.

איינע פון די פאָרמען אין וועלכע דער געפיהל פון עהרענגייציקייט דריקט זיך אויס, איז שטאָלץ און פאַרריסענקייט און אין דעם, וואָס מען רופט אויף ענגליש „סנאָביזם". דאָס איז אָ באַציהונג צו אַנדערע מענשען פאַר וועלכען מיר, אידען, צאָהלען א סאָלידען פרייז. מענשען ציהען זיך מיט אלע כוחות „ארויף", צו די קרייזען און שיכטען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אלס אַזעלכע וואָס שטעהען העכער; און זיי קוקען אַראָפּ אויף מענשען און קרייזען וואָס שטעהען נידעריגער, אָדער זיינען ניט באַשטימט, אָדער צווייפעלהאַפט. דער געפיהל און די באַציהונג פון פאַרריסענקייט האָט באַשאַפען ספּעציעלע שיכטען פון „אַריסטאָקראַטען" און „סאָסייטי", וואָס האָבען זיך ארומגערינגעלט מיט ווענט פון אויסשליסלאַכקייט און עקסלוזיוויטעט. אַמאָל האָבען צו אָט די קרייזען באַלאַנגט בלויז מענשען מיט א יחוס אָפשטאַם, אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישע כוחות איז געלד געוואָרען דער הויפּט פאַקטאָר פון עקסקלוזיוויטעט. מיט געלד קען אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער קויפען אלס אַן אידים אַן אייראָפּעאישען באַראָן אָדער פירשט און אריינפיהרען זיין טאָכטער אין דעם שיכט פון הויכער אַריסטאָקראַטיע, און דורך איר אליין אַהין זיך אריינשמוגלען. מענשען מיט געלד צאָהלען זעהר גרויסע פרייזען כדי איינצושטעהן אין אן „עקסלוזיווען" האָטעל, אָדער באַלאַנגען צו אן „עקסלוזיווען" קלוב, וואוהין עס ווערן ניט

אריינגעלאָזען מענשען וואָס ווערען אין דעם מאָמענט באטראַכט אלס אזעל־כע, וואָס שטעהען אויף אן עטוואָס נידעריגערן טרעפּעל פון געזעלשאפט־לאַכן לייטער. אין אזעלכע האָטעלען און קלובען נעמט מען אויך ניט אריין קיין אידען, כדי אונטערצושטרייכען די עקסקלוזיוויטעט פון דעם פּלאַץ. דאָס איז איינע פון די פאָרמען אין וועלכע אַנטיסעמיטיזם דריקט זיך אויס.

נאָך א געפיהל איז פ י י ע ר ל אַ כ ק י י ט.

ווען איינער געהט אין גאַס און באַגעגענט אין משך פון א שטיקעל צייט א הונדערט מענשען איינצעלנע, אָדער אין קליינע צופעליגע גרופּעס, וועט ער זיי קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט ניט שענקען. אָבער זאָלען זיך אָט די הונדערט מענשען אויסשטעלען אין רייען און מאַרשירען אין מיטען גאַס ווי אַ גרופּע סאָלדאַטען, וועט ער זיך אָפּשטעלען קוקען. וואָס מעהר מענשען עס וועלען זיך באַטייליגען אין דעם מאַרש — אַלץ מעהר אויפמערקזאַמקייט וועט עס ציהען צו זיך. נאָך מעהר אויפמערקזאַמקייט וועט עס ציהען צו זיך אויב די אַלע מענשען וועלען טראָגען עהנלאַכע קליידער. און נאָך מעהר אויפמערקזאמקייט וועט עס ציהען צו זיך אויב די קליידער וועלען זיין ניט געוועהנלאַכע, א שטייגער ווי רויטע הויזען, גרינע רעקלאַך, שפּיציגע היטלען, און אזוי ווייטער. און בכלל: — וואָס גרעסער עס וועט זיין דער פּאַראַד, די צערעמאָניע, די פייערלאַכקייט מיט וועלכען דער מאַרש וועט דורכגעפיהרט ווערן, אַלץ מעהר אויפמערקזאמקייט וועט עס ציהען צו זיך. אין פאַלען פון גאָר גרויסע פּאַראַדען און מאַרשען, וואָס ווערען מיט א צייט פריהער צוגעגרייט און אַנאָנסירט, ווערןביידע זייטען פון די טראָטואַרען איבערגעפּאַקט מיט מענשען וואָס קומען פון אלע טיילען שטאָט צו זעהען דעם פּאַראַד. עס איז רעכט אַז מענשען זאָלען אויפשטעהן פאַרטאָג, אָדער אָפּשטעהן אויף איין אָרט אַ גאַנצע נאַכט אויף די פיס כדי צו פאַרכאַפּען א בעסערע פּאָזיציע ביים ברעג טראָטואַר און בעסער זעהען דעם פּאַראַד.

די ראָלע וואָס דער געפיהל פון פייערלאַכקייט שפּילט אין אונזער לעבען איז גוואַלדיג גרויס. יעדעס מאָל ווען מען וויל באאיינפלוסען איינ־צעלנע מענשען, גרופּעס מענשען אָדער פעלקער גאַנצע אין א געוויסער ריכטונג ווערט עס דורכגעפיהרט מיט פּאַראַד, צערעמאָניע און פייערלאַכ־קייט. ווען עלטערן מאַכען חתונה א בחור מיט א מיידעל, ד. ה. ווען מען פאָרט צוזאַמען צוויי פרעמדע מענשען און מען וויל אז זיי זאָלען זיך

האַלטען צוזאַמען זייער גאַנץ לעבען, ווערט די חתונה דורכגעפיהרט מיט גרויס פּאַראַד, פייערלאַכקייט און צערעמאָניע. ביי איניגע פעלקער איז אַ מנהג אַז אַלע אין שטוב זעצען זיך צו אויף אַ וויל ווען איינער פון זיי דאַרף באַלד אוועקפאָהרען אין אַ ווייטען וועג. ביי איניגע פויערים איז אַ מנהג אריינצוטראָגען ברויט און זאַלץ ווען מען קומט אריין דאָס ערשטע מאָל אין אַן אייגענער נייער שטוב. ביי איניגע פישערלייט איז אַ מנהג אריינצוואַרפען זיך מיט די קליידער אין וואַסער ווען מען לאָזט אראָפּ אין וואַסער אַ נייע שיף, — און אַזוי ווייטער און ווייטער.

כדי צו וועקען אין דער באַפעלקערונג געהאָרכזאַמקייט און אונטערטע־ניקייט צו די „היטער פון געזעץ און אָרדנונג", פון דעם קעניג ביז דעם לעצטען פּאָליציאַנט, טראָגען זיי ספּעציעלע, ניט געוועהנלאַכע קליידער באַ־פּוצט און באַצירט מיט מעטאַלענע קנעפּ, קאָלירטע קאַנטען, קאָקאַרדעס, לאַמפּאַסען, עפּאָלעטען, באַנדען, מעדאַלען, זיידענע שנורען און אַנדערע אָר־נאַטענטען. דאָס איז די אַזוי גערופענע יוניפאָרם. וואָס העכער די אַמט פון דעם בעאַמטען — אַלץ גלאַנציגער און שרייענדער איז זיין יוניפאָרם. עהנלאַכע קליידער טראָגען איצטער די שווייצאַרען (דאָרמען), אָדער באַדינער ביי די אריינגאַנגען פון די רייכערע אַפּאַרטמענט הייזער, האָטעלען, טעאַטערס, דעפּאַרטמענט סטאָרס, — אַלץ מיט'ן צוועק צו וועקען ביי די באַזוכער און פאַרבייגעהער פון אָט די עפּענטלאַכע פּלעצער דעם געפיהל פון רעספּעקט און וויכטיקייט.

אַ סאָלדאַט איז אַ יונגערמאַן וואָס ווערט דורך צוואַנג אריינגעשלעפּט, אָדער פרייוויליג אריינגעצויגען אין מיליטערישער דינסט וואו מען לערנט אים שיסען, שטעכען און הרג'ענען מענשען, — אַ טעטיקייט וואָס איז געגען דעם געוויסען, געגען דער ערציהונג, געגען דער טראַדיציע און געגען דער רעלי־גיעזער לעהרע פון דעם דורכשניטלאַכען נאָרמאַלען מענשען. דערצו איז נאָך דאָס לעבען אין מיליטערישער דינסט אַ שווערע און אַ פּרוכטלאָזע. מוז מען אים באַאיינפלוסען, אַז אַלץ וואָס ער טוט, אָדער גרייט זיך צו טאָן איז געוואַלדיג וויכטיג; אַז ער, דער סאָלדאַט, איז דער פונדאַמענט אויף וועלכען אונזער געזעלשאַפט האַלט זיך; און מען מוז אים באַאיינפלוסען אַז ער זאָל בלינדערהייט, אָהן פּראַגען, אָהן קריטיק און אָהן איבערטראַכטונגען טאָן אַלצדינג וואָס מען הייסט אים. ווערט דער פּראָצעס פון באַאיינפלוסען דורכגעפיהרט אויף פאַרשידענע אופנים, און דער הויפּט מיטעל איז פּאַראַד און פייערלאַכקייט. דאָס גאַנצע לעבען פון דעם סאָלדאַט איז איינגעוויקעלט אין פּאַראַד, צערעמאָניע און פייערלאַכקייט. אַפילו אַזאַ פּשוטע זאַך ווי

ארויפציהען מיט א שטריק די פאָהן אויף א מאַסטע ווערט דורכגעפיהרט מיט פאַראַד : עטלאַכע סאָלדאַטען שטעלען זיך אויס אין א רייה, מען ציהט זיך אויס, מען סאַלוטירט, מען קלאַפּט אין פויקען, מען בלאָזט אין טראָמ־פּייטען און מען שיסט פון ביקסען אָדער קאַנאָן.

און דער הויפּט טייל פון דעם פאַראַד איז די יוניפאָרם. די יוניפאָרם רייצט און באַפרידיגט דעם געפיהל פון פייערלאַכקייט און טראָגט מיט זיך אַ גרעסערן ערפאָלג אין געזעלשאַפטלאַכען לעבען. אַסך זיהן פון רייכע עלטערן שליסען זיך פרייוויליג אָן אין דער ארמיי און ווערן אָפיצירען צו־ליעב דער יוניפאָרם און שווערדל, צוליעב דער העכערער פּאָזיציע וואָס עס ברענגט מיט זיך אין געזעלשאַפטלאַכן לעבען, און צוליעב דעם גרעסערן ערפאָלג ביי פרויען. אַ סאָלדאַט אין יוניפאָרם וועט גיכער קריגען א מיידעל ווי דער זעלבער יונגערמאַן אָהן א יוניפאָרם. ווען דער פּלאַט קומט אריין צו גאַסט אין א גרויסער שטאָט, דרעהען זיך אַרום האַפען אויסגעפּוצטע מיידלאַך — און ניט קיין פּראָפעסיאָלענע גאַסען־מיידלאַך, — און וואַרטען אויף די מאַטראָסען. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה זיינען געבוירען געוואָרען מאַסען אומגעזעצלאַכע קינדער פון די אָרטיגע מיידלאַך און די אָנגעקומענע סאָלדאַטען. דאָס זיינען די אזוי־גערופענע „מלחמה קינדער״. זייער צאָהל ווערט געשאַצט אין די מילאָינען. נאַטירלאַך, — א גרויסע ראָלע האָט דאָ געשפּילט דער געשלעכט מאָטיוו ; אָבער די זעלבע צאָהל יונגע פרויען און די זעלבע צאָהל יונגע מענער זיינען דאָך פריהער אויך געווען, און אזוי פיעל אומגעזעצלאַכע קינדער זיינען ניט געבוירען געוואָרען.

נאָך אַ ריכטונג אין וועלכער מענשען און פעלקער ווערן באַאיינפלוסט, איז רעליגיע. איז אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט רעליגיע פאַרבונדען מיט אַסך צערעמאָניע און פייערלאַכקייט. די הייזער פאַר רעליגיעזע צוועקען,— די קירכען און די טעמפּלען — ווערן געבויט אין א ספּעציעלען פּראָמי־נענטען און פייערלאַכען סטיל און אויף א פּראָמינענטען פּלאַץ. די גייסט־לאַכע טראָגען ספּעציעלע קליידער, אָדער יוניפאָרמס, — און וואָס העכער דער ראַנג — אַלץ גלאַנציגער און שרייענדער איז די יוניפאָרם. מען קלינגט אין גלעקער, מען זינגט און מען שפּילט ספּעציעל פאַרפאַסטע פייערלאַכע מעלאָדיען, און די פריסטער האַלטען זייערע דרשות אין א ספּעציעלען פייער־לאַכען טאָן.

איינע פון די שעדלאַכסטע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז דער קו־קלוקס־קלען. דער קלען איז שעדלאַך דערמיט וואָס ער ברענגט קיינעם קיין נוצען ניט, און פּרעדיגט און פאַרשפּרייט רעאַקציע און האַס.

קען מען זיין פולשטענדיג זיכער, אַז אָט די אָרגאַניזאַציע וואָלט ניט געהאַט אַזאַ פאַרהעלטענסמעסיג ברייטע אַנהענגערשאַפט, און וואַרשיינלאַכער פון אַלץ וואָלט ער בכלל ניט עקזיסטירט, ווען ניט די פייערלאַכע צערעמאָניעס מיט וועלכע זייער טעטיקייט איז פאַרבונדען. דאָס טראָגען די לאַנגע ווייסע קיטלען וואָס פאַרדעקען דעם גאַנצען קערפער ביז איבער׳ן קאָפּ, מיט די דריי לעכלאַך פאַר די אויגען און נאָז ; די פייערלאכע פאַראַדנע שבועות וואָס מען גיט ; דאָס ברענען ביינאַכט אַ גרויסען הילצערנעם צלם, — דאָס אַלץ וועקט, און רייצט, און באַפרידיגט דעם געפיהל פון פייערלאַכקייט, און בפרט נאָך ביי די איינוואוינער פון די קליינע שטעטלאַך וואו דאָס לעבען איז אַזוי מאָנאָטאָן.

מיר איז באַוואוסט אַזאַ פאַל : אין א שטעטל אין די סאַוט האָט גע־וואוינט א יונג פּאָר פאָלק מיט קליינע קינדער. דער מאַן איז געווען א קאַטאָ־ליק, און די פרוי א פּראָטעסטאַנטקע. פלעגט די פרוי פון צייט צו צייט געהן אין די אָווענדען אויף די פאַרזאַמלונגען פון דעם אָרטיגען קו־קלוקס־קלען. האָט עס דער מאַן ניט געוואָלט ליידען, ווייל איינע פון די טעטי־קייטען פון דעם קלען באַשטעהט אין פרעדיגען האַס צו די קאַטאָליקען, און צוליעב דעם פלעגען אָפט פאָרקומען קריגערייען צווישען מאַן און ווייב. אָבער די פרוי פלעגט זיך פאַרענטפערן : „אַז דאָרטען איז אַזוי פרעהלאַך, מען פאַרברענגט אַזוי גוט אַן אָוועגד״.

ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד האָט ער איבער־געבויט און איבערגעקעהרט די גאַנצע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע סטרוקטור אין יענעם לאַנד. יעדער בירגער פון יענעם לאַנד האָט פריהער באַלאַנגט צו זיין אָרגאַניזאַציע אָדער געזעלשאַפט, און יעדער דייטש איז געווען צופרידען און שטאָלץ מיט זיין פרייהייט און מיט זיין אָרגאַניזאַציע. און איצטער האָבען זיי ניט קיין פרייהייט און ניט קיין אָרגאַניזאַציעס. ווען מען וואָלט מיט א יאָהר פריהער, איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, געצייגט דעם דורכשניטלאַכען דייטש דאָס בילד פון דער איצטיגער סטרוקטור פון זייער פּאָליטישען און געזעלשאַפטלאַכען לעבען, וואָלט ער אין דעם ניט געגלויבט ; ער וואָלט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַזאַ זאַך קען מעגלאַך זיין. ער וואָלט מיט צאָרן אָפּגעוואָרפען אַזאַ געדאַנק און וואָלט זיך גאָר פאָרשטעלען ניט געקענט, אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ קראַפט וואָס קען פון אים אוועקרויבען די טראַדיציאָנעלע פרייהייטען זיינע. אָבער היט־לער, וואָס קען זיינע דייטשען, האָט געהאַנדעלט פּראַקטישער : ער האָט זיין ממשלה אָנגעהויבען מיט גראַנדיעזע פאַראַדען, איינע גרעסער און פייערלאַ־

כער פאַר דער צווייטער. פאַרטשאַדעט פון אַט די פאַראַדען האָבען די דייטשען ניט געפיהלט ווי מען רייסט פון זיי אַפּ איין פרייהייט נאָך דער צווייטער; און ווען זיי האָבען זיך געכאַפּט — איז שוין געווען צו־שפּעט: זיי זיינען שוין געווען געבונדען הענט און פיס.

דער ערפאָלג וואָס פאַשיזם האָט געהאַט אין די צוויי לענדער, איטאַליע און דייטשלאַנד, האָט ארויסגערופען נאָכמאַכונגען; און איצטער איז כמעט ניטאָ אַ לאַנד וואָס זאָל ניט האָבען איהר פאַשיסטישע באַוועגונג, מיט איהר לאָקאַלען פיהרער וואָס האָפט, — מען קען ניט וויסען, — אַז אפשר וועט זיך נאָך אזוי מאכען אַז ער וועט אויך ווערן מיט דער צייט א היטלער אדער א מוסאָליני. איז אין ענגלאַנד אויך פאַראַן אַזאַ באַוועגונג, און דער פיהרער זייערער איז איינער א מאָסלי. עס איז אָבער ניט אין גייסט פון דעם ענגלישען פאָלק. נאָר אזוי לאַנג ווי די פאַשיסטען האָבען דאָרטען באַ־גרענעצט זייער טעטיקייט מיט מיטינגען און פראָפּאַגאַנדע, האָט מען זיי גע־דולדעט, אָבער ווען זיי האָבען אָנגעהויבען ארויסגעהן אין די גאַסען, מאַכען דעמאָנסטראַציעס און אומאָרדנונג, איז עס פאַר דער רעגירונג געוואָרען א פּראָבלעם. ניט קיין פּאָליטישע פּראָבלעם, נאָר אַ פּאָליציייאישע.

און אָט איז דער אופן ווי אַזוי די שטאָט מאנטשעסטער האָט געלייזט די פּראָבלעם אויף אַ לאָקאַלען אופן: אזוי ווי די מיטגלידער פון דער באַ־וועגונג האָבען געטראָגען אַ געוויסע יוניפאָרם מיט שוואַרצע העמדלאך אלס הויפּט טייל פון דער יוניפאָרם, האָט די אַדמיניסטראַציע פון מאַנטשעסטער אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז עס ווערט פאַרבאָטען פאַר מיטגלידער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי צו טראָגען אַ יוניפאָרם. און ווען ניט קיין יוניפאָרם — איז די אָרגאַניזאַציע אין יענער שטאָט פאַנאַנדערגעפאַלען. ווייל ניט קיין נויטווענדיקייט און ניט קיין אידעאַל האָט פאַראייניגט די געלאַסענע ענגלענ־דער אין א פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר די פייערלאַכקייט פון די פאַראַ־דען און מיטינגען, און די יוניפאָרמס. דער ביישפיל פון מאַנטשעסטער ווערט איצטער פאַרשפּרייט איבער גאַנץ ענגלאַנד, און מיט ערפאָלג.

נאָך אַ געפיהל איז ק אַ מ פּ ס ל ו ס ט י ק י י ט. עס דריקט זיך אויס אין דער שטרעבונג צו שלאָגען זיך און און קריגען זיך. דער געפיהל איז אַן אוניוועסאַלער און נעמט ארום כמעט אַלע לעבעדיגע אָרגאַניזמען, כאָטש ביי פאַרשידענע מינים נעמט עס אַן פאַרשידענע פאָרמען און שטופען. ביי די זכרים איז עס אַסך מעהר אַנטוויקעלט ווי ביי די פרויען.

איניגע אָרגאַניזמען וואַרפען זיך שלאָגען ווי נאָר, זיי דערזעהען א פרעמדען, מעג ער זיין פון זיין אייגענעם מין. אַנדער וואַרפען זיך שלאָגען נאָר אין געוויסע סעזאָנען פון יאָהר, הויפּטזעכלאַך ארום דער צייט ווען זיי דאַרפען זיך פּאָרען. אָבער אַפילו דאָ זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע וואַריאַציעס. אייניגע אָרגאַניזמען, — ווי די לייבען, אַמעריקאַנער פעלד הענער, גרילען (אינסעקטען אזעלכע), און אַנדערע — שלאָגען זיך נאָר אין דער אַנוועזענהייט פון דער נקבה, און טאַקע כדי זי אויסצוקעמפען; און אנדערע חיות, ווי הירשען, היימישע קעץ און אַנדערע, שלאָגען זיך אין פעריאָדען פון פּאָרען זיך אפילו ווען די נקבה איז דערביי ניטאָ. יעדר זכר זעהט אין צווייטען זכר א קאָנקורענט, און ווי נאָר זיי באַגעגענען זיך, קומט צווישען זיי פּאָר א געשלעג אויף לעבען און טויט. אייניגע זכרים שלאָגען זיך ווען און וואו זיי זאָלען זיך ניט באַגעגענען, אפילו ניט אין די פעריאָדען פון פּאָרען זיך. אָט די לעצטע אייגענשאַפט פון אייניגע מינים חיות, פויגלען, פיש און אינסעקטען ווערט פון מענשען אויסגענוצט פאר עפנטלאכע פאָרשטעלונגען און געלעגענהייטען צו וועטען זיך.

עס זיינען פאַראַן אייניגע מינים הענער וואָס שלאָגען זיך שטענדיג. אַזעלכע הענער פלאַדיעט מען הויפּטזעכלאַך פאַר עפענטלאַכע געשלעגען וואָס קומען פאָר אויף אָפענע פלעצער אין מאַרק. אייגענטימער פון אַזעלכע הענער קומען אַרויס אין א באַשטימטער צייט מיט זייערע קאָרבען אין וועלכע זיי האַלטען די הענער, און דערנאָך לאָזט מען אַרויס איין האָן געגען צווייטען פאַר א געשלעג. דאָס פּובליקום שטעהט אַרום און קוקט, און פילע פון זיי שטעלען איין געלד אין קאָן, ווי מען וועט זיך אויף פערד רייסעס. אַזאַ געשלעג ענדיגט זיך געוועהנלאַך מיט דעם, וואָס איינער פון די הענער פאַלט אַ טויטער.

אין סיאַם, אַזיע, ווערן עהנלאַכע געשלעגען אראַנזשירט צווישען קליינע מינים פישלאַך, באַוואוסט אלס „בעטאַ׳ס״. דאָס איז אַ טראָפּישער מין פישעל, זעהר א שעהנער, און ווערט געהאַלטען אין די קליינע אַקוואַריאומס אין די הייזער איבער דער גאַנצער וועלט, איבערהויפּט אין אמעריקא. יעדער זכר פון די בעטאַס באַפאַלט אַ צווייטען פישעל פון זיין מין ווי נאָר ער דערזעהט אים. אויב די צווייטע בעטאַ איז אויך א זכר, שטעלט ער זיך אנטקעגען און עס ווערט א געשלעג; אויב זי איז א נקבה — אַנטלויפט זי. צי דאָס גלעזערנע וועגטעל פון קעסטל מיט וואַסער וואו איך האַלט מיין בעטאַ, האָב איך צוגעשטעלט א שפיגעלע; און ווי נאָר דאָס פישעל האָט זיך דערזעהען אין שפיגעל, האָט זי זיך געוואָרפען שלאָגען. אַ צווייטער מין טראָפּיש

פישעל, די פּאַראַדיז פיש, קרובים פון די בעטאַס, לעבען בשלום צווישען זיך, אָבער מיט קיין אנדערע פיש קען מען זיי אין איין כלי ניט האַלטען, ווייל זיי שלאָגען זיך.

אין דער גרייטקייט צו שלאָגען זיך שפּילט אויך א ראָלע די שטימונג, און דעריבער איז עס שווער פאָרויסצוזאָגען מיט וואָס די באַגעגעניש צווישען צוויי חיות פון זעלבען מין וועט זיך ענדיגען — פרידלאַך, פריינדלאַך, אדער מיט א געשלעג. ווען צוויי הינט באַגעגענען זיך דאָס ערשטע מאָל, הויבען זיי אָן ארומשמעקען איינער דעם צווייטען. דאָס באַקענען זיי זיך. און דער־נאָך ענדיגט עס זיך מיט דעם, אַז אָדער זיי געהען זיך פאַנאַנדער אויף א פרידלאַכען אופן, אָדער זיי ווערן באַפריינדעט און הויבן זיך אָן שפּילען און יאָגען; און אַמאָל ענדיגט עס זיך מיט א געשלעג און בייסעריי. און איר קענט קיין מאָל ניט וויסען אין פאָרויס מיט וואָס אַזאַ באַגעגעניש וועט זיך ענדיגען.

אין דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען אין די בראָנקס איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: צוויי ווייסע בערן, איינער א זכר און די צווייטע א נקבה, האָבען זיך געפונען אין צוויי באַזונדערע שכנישע שטייגען. זיי פלעגען זיך אָפט באַגעגענען ביי די אייזערנע גראַטעס וואָס האָבען זיי פאַנאַנדערגעטיילט, און דורך די גראַטעס האָבען זיי זיך געשמעקט. זייערע אויפפיהרונגען זיינען געווען זעהר פריינדלאַכע, און עס האָט אויסגעזעהען אַז זיי וואָלטען געווען צופרידען צו זיין אין איין שטייג און זיך שפּילען. ענדלאַך האָט מען געעפענט דאָס טירעל. אָבער ווי נאָר די נקבה איז אריין צום זכר, איז ער זי באַפאַלען און זי אזוי לאַנג געשלאָגען און געביסען, ביז זי איז געבליבען ליגען א טויטע.

פונקט די זעלבע זאַך איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבען גאָרטען מיט צוויי יאַגואַרען: אויך א זכר מיט א נקבה אין צוויי שכנישע שטייגען; זיי פלעגען זיך אויך באַגעגענען ביי די גראַטעס, און אויך ארויסגעצייגט א פאַר־לאַנג צו זיין צוזאַמען. אָבער ווען מען האָט די נקבה אריינגעלאָזען צו דעם זכר, איז ער זי באַפאַלען און דערהרג׳עט.

מענשען זיינען אויך ניט פריי פון דעם געפיהל פון קאַמפּסלוסטיקייט. פאַרקערט: סאַי זייערע אויפפיהרונגען, און סאַי געוויסע אַנאַטאָמישע סמנים, צייגען אָן דערויף, אַז ביי מענשען איז אָט דער געפיהל נאָך שטאַרקער ווי ביי אַלע חיות. קינדער הויבען זיך אָן שלאָגען ווען זיי זיינען נאָך זעהר קליין. פרימיטיווע פעלקער לעבען אין קליינע גרופּעס, פאַמיליעס אָדער קאָלאָניעס, און די פאַרשידענע גרופּעס זיינען שטענדיג אין קריג צווישען זיך, און בלוטיגע מלחמות איז ביי זיי א זעהר אָפטע ערשיינונג. ביי ציווי־

ליזירטע מענשען זיינען פאַראַן געמיינשאפטלאכע מאַטעריעלע אינטערעסען, רעליגיעזע לעהרע און קולטורעלע מאָראַל וואָס האַלטען זיי צוריק פון שלאָגען זיך; עס איז אָבער מערקווירדיג מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט מענשען — סאַי מענער און סאַי פרויען — פאַרפיהרען קריגערייען ביי די קלענסטע געלעגענהייטען.

דער געפיהל פון קאמפסלוסטיקייט דריקט זיך נאָך אויס ביי מענשען אין פריינדלאַכע געשלעגען: יונגע מענער פון דערפער אדער שטעטלאַך, באַגעגענען זיך אויף אַ באשטימטען אָרט אין א באַשטימטער צייט און מען שלאָגט זיך, ביז איינער פון זיי ווערט ערקלעהרט אלס דער זיגער. און א גרויסער עולם שטעהט אַרום און קוקט. אין אמעריקא האָט עס אָנגענומען די פּראָפעסיאָנעלע פאָרם פון „פּרייז פייטס“.

נאָך אָ געפיהל וואָס שפּילט א גרויסע ראָלע אין אונזער געזעלשאפט־לאַכען לעבען, איז ה אַ ס. דער געפיהל איז אויך אַן אוניוועראַלער און נעמט אַרום אַלע לעבעדיגע אָרגאַניזמען. און דער כלל איז דאָ אַזאַ: אַלץ וואָס איז אונז פרעמד, אָדער אומבאַקאַנט, אָדער זעהט אויס אנדערש, אדער פיהרט זיך אויף אַנדערש ווי מיר אליין, וועקט אין אונז א חשד און אומצוטרויען, וואָס קען זעהר לייכט אריבערגעהן אין אָפענער שנאה.

ווען צוויי חיות באַגעגענען זיך אין פעלד אָדער וואַלד ווּעלען זיי אָדער באַפאַלען איינע דער צווייטער אין א בלוטיגען קאַמף, אָדער אויסמיידען איינע דער צווייטער און זיך מאַכען ניט זעהענדיג. זיי ווּעלען זיך אָבער קיין מאָל ניט באַפריינדען און ווּעלען ניט געהן ווייטער צוזאַמען, מעגען זיי זיין פון דעם זעלבען מין. און ווען זיי באַפאַלען איינע דער צווייטער אין אַ קאַמף — איז עס ווייט ניט אַלע מאָל קאַמף פאר עקזיסטענץ, נאָר גיכער אויסדרוק פון חשד און שנאה.

אפילו חיות און פויגלען פון זעלבען מין נאָר פון פאַרשידענע גרופּעס אָדער משפחות מישען זיך ניט איינער מיט'ן צווייטען. זאָל אַן אַנטילאָפּע, אָדער א הירש, אָדער א העלפאַנט, אָדער א ווילדער פערד אָפּשטעהן פון זיין גרופּע, און ווּעלען צושטעהן צו אַן אַן אַנדער גרופּע פון זעלבען מין, וועט אים די צווייטע גרופּע ניט אויפנעמען. אפילו ווען אין דער זעלבער גרופּע ווערט געבוירען און עס וואַקסט אויס אַ קינד וואָס זעהט צופעליג אויס אַנדערש ווי די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, וועט מען אים שטויסען, פאַרפאָלגען און טרייבען פון זיך.

ביי מיר איז פאַראַן א פאָטאָגראַפיש בילד פון א גרופּע פּינגווינען (פויגלען אזעלכע). איינער פון זיי איז אן „אַלבינאָ", א ווייסער. דאָס איז אַ פּאַסירונג וואָס קומט פאָר זעהר זעלטען, עס קומט אָבער פאָר ביי חיות, פויגלען, רעפּטילען און ביי מענשען. און דערפאַר וואָס ער איז אינגאַנצען ווייס און זעהט אויס אַנדערש פון די איבעריגע — ווערט ער געשטויסען, פאַרפאָלגט און געטריבען פון די איבעריקע מיטגלידער פון זיין אייגענער פאַמיליע.

אומשטענדען קענען אַמאָל פיהרען דערצו, אַז חיות פון פאַרשידענע גרופּעס און מינים זאָלען זיך צוזאַמענקומען אין איין אָרט פאר א געמיינ־שאַפטלאכען צוועק, אָדער דורך א קאַטאַסטראָפע, ווי אין פאַלען פון פאר־פלייצונגען אָדער וואַלד פייערן. אויף די פעלדער פון אַפריקאַ טרעפט זיך אַמאָל, איבערהויפּט אין צייטען פון טרוקעניש, אַז אנטילאָפּען, גאַזעלען, זעבראַס, זשיראַפען, ווילדע חזרים, היענאַס און אַנדערע חיות פון גאַנץ פאַרשידענע מינים זאָלען זיך צוזאמענקומען ביים זעלבען קוואַל צו טרינ־קען וואַסער. שטעהען זיי דאַן גאַנץ נאָהענט איינער צום צווייטען. אָבער באַלד נאָכ'ן טרינקען געהען זיי זיך פאַנאַנדער אין פאַרשידענע זייטען און ווילען איינער פון צווייטען ניט וויסען.

דאָס זעלבע קומט אויף פאָר ביי מענשען. מאַטעריעלע אינטערעסען— ארבייט, האַנדעל, אינדוסטרי, — ברענגען צוזאַמען אין איין פונקט מענשען פון פאַרשידענע גרופּעס, פעלקער און ראַסען. אָבער נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעאַרבייט אָדער אָפּגעהאַנדעלט, געהט זיך יעדער פון זיי אוועק צו זיין קרייז און צו זיין גרופּע. ניו־יאָרק איז אַ שטאָט פון צעהנדליגער פאַרשידענע פעלקער, נאַציאָנאַליטעטען און ראַסען; באַשטעהט די שטאָט פון באַזונדערע געגענדען: דאָ זיינען פאַראַן געגענדען אידישע, איטאַליע־נישע, איירישע, פראַנצויזישע, דייטשישע, שוועדישע, סירישע, כינעזישע, נעגערשע, יאַפּאַנעזישע, און אזוי ווייטער.

עס זיינען פאַראַן אזעלכע אויפפיהרונגען ביי מענשען און חיות ווען עס איז שווער צו באַשטימען צו עס איז דיקטירט פון דעם געפיהל פון האַס, אָדער פון דעם געפיהל פון קאמפּסלוסטיקייט. אין דאָס רוב פאַלען קען עס זיין דער אויסדרוק פוןביידע געפיהלען צוזאַמען. אָבער די צוויי געפיהלען זיינען באזונדערע, כאָטש איינער פון זיי קען זיין א פאַרצווייגונג פון דעם צווייטען.

נאָך אַ געפיהל איז נ צ ח ו ן. איך מיין דאָ ניט דעם געפיהל וואָס מענשען לעבען איבער ווען זיי קומען ארויס מיט אַ זיג פון אַ מלחמה, פון אַ געשלעג אָדער פּראָצעס אין געריכט. — איך מיין דאָ דעם געפיהל וואָס וועקט אין אונז דעם פאַרלאַנג ארויסצוקומען מיט אַ זיג פון וועלכען עס איז קאָנפליקט אָדער ווידערשפּרוך אפילו ווען קיין מאַטעריעלע אינטערעסען זיינען דאָ ניט פאַרוויקעלט. ווי אין אַן אומשולדיגער שפּיל אין קאָרטען, אָדער ביינדלאַך, אין אַ געוועט אָדער דעבאַטע. דער געפיהל איז אין אונז אזוי וואַכזאַם און דורשטיג, אַז יעדעס מאָל ווען מען דערהערט אַז ערגעץ קומט פאָר אַ קאָנפליקט — שטעלט מען זיך אין די געדאַנקען אויף איין זייט אָדער צווייטער, און עס ווילט זיך אַז „אונזער" צד זאָל געווינען. אין צייטען פון פערד רייסעס, בייז באָל שפּילען, פּאָליטישע וואַהלען און אנדערע אַזעלכע פאַלען געפינען זיך טויזענטער און מיליאָנען מענשען אין אַ צושטאַנד פון נערוועזער אויפרעגונג און ווארטען מיט אומגעדולד אויף דעם אויסגאַנג פון קאָנפליקט. און דערנאָך איז מען זעהר צופרידען ווען „אונזער" צד געווינט, אדער מען איז אנטוישט ווען „אונזער" צד פארשפּילט. און ווידער אַמאָל רעד איך דאָ ניט וועגען אזעלכע וואָס האָבען איינגעשטעלט געלד אין קאָן, אָדער זיי האָבען פּאָליטישע אינטערעסען, אָדער אַ צד אין דער משפּחה, נאָר פון אזעלכע וואָס פערזענלאַך האָבען זיי פון דעם גאָרניט. דער געפיהל איז אבער דאָ, ווערט ער צורייצט ביי יעדער געלעגענהייט, הענגט זיך אָן ביי יעדער מעגלאַכקייט און זוכט אַ באַפרידיגונג.

אַחוץ די געפיהלען וואָס זיינען דאָ אויסגערעכענט געוואָרען זיינען אין דעם מענשלאַכען אָרגאַניזם פאַראַן נאָך אַסך אנדערע געפיהלען ווי ליבע, איפערזוכט, באַזיץ, אָבערגלויבען, רעליגיע, יושר, גערעכטיקייט, פּאַטריאָטיזם, נאַציאָנאַליזם, עסטעטיקס, סענטימאַנטאַליטעט, סימעטריע, האַרמאָניע און אַנדערע. און צו יעדען פון זיי באַציהט זיך דער זעלבער כלל: יעדער פון זיי קען זיין שטאַרקער אָדער שוואַכער; יעדער פון זיי קען ווערן צו רייצט; יעדער פון זיי וועקט פאַרלאַנגען און שטרעבונגען; ווען מען באַפרידיגט אַ געפיהל לעבט מען איבער פאַרגעניגען; און וואָס גרעסער אָדער טיפער דער געפיהל, אָדער וואָס שטאַרקער ער איז צורייצט — אַלץ גרעסער איז דער פאַרגעניגען וואָס מען לעבט איבער ווען מען ווערט באַפרידיגט.

5.

יעדער מענש שטרעבט צו אלץ וואָס עס איז גוט פאר אים און זוכט אויסצומיידען אלץ וואָס עס איז שלעכט פאר אים. די ערפאַהרונגען אונזערע זיינען די איינציגע מאָס מיט וועלכע מיר קענען מעסטען וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט, און דער שכל איז דער אַפּאַראַט פון די ערפאַהרונגען. האָט דער שכל געדאַרפט זיין יענער גייסטיגער כח וואָס קאָנטראָלירט הויפּטזעכלאַך אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען. אָבער אין דער פּאַקטישער ווירקלאַכקייט איז די לאַגע פּונקט א פאַרקעהרטע: פון די דריי גייסטיגע כוחות וואָס קאָנטראָלירען אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען, איז שכל דער שוואַכסטער פון די איבעריגע צוויי. און זאָל אין דער נשמה פון דעם מענשען קומען צו א קאָנפליקט, וועט ער שטענדיג האַנדלען גיכער לויט דעם געפיהל, און ניט לויט דעם שכל, אפילו ווען ער זאָל דערביי דאַרפען ריזיקירען מיט זיין לעבען אָדער געזונט. דאָ, אין דעם איצטיגען מאָמענט, איז עס ניט א פראגע פאַרוואָס דאָס איז אזוי, אָבער אזוי קומט עס פאָר.

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ קאָנפליקט זאָל א מענש דאָך האַנדלען לויט דעם שכל, און ניט לויט זיין געפיהל. אין אַזאַ פאַל זאָגט מען געוועהנליך אַז דער מאַן האָט א שטאַרקען כאַראַקטער, א שטארקען ווילענסקראַפט. אָבער קיין באוויז איז עס ניט. ווען מען זאָל זיך טיפער אריינגריבלען אין דער האַנדלונג פון אָט דעם מאַן, קען זיך גאַר ארויס־ווייזען אז געהאַנדעלט האָט ער לויט דעם שכל ניט דערפאַר וואָס ער האָט אַ „שטאַרקען כאַראַקטער“, נאָר דערפאַר וואָס דער געפיהל איז אין אים ניט געווען שטאַרק גענוג, און אז צו הילף פון דעם שכל האָבען זיך ביי אים אויפגעוועקט אנדערע געפיהלען וואָס האָבען זיך געגענגעשטעלט דעם ערש־טען געפיהל. עס איז פאַקטיש ניט א קאַמף צווישען שכל און א געפיהל, נאָר צווישען צוויי גרופּעס געגענגעזעצטע געפיהלען, און געזיגט האָט די שטאַרקערע גרופּע.

א מאַן איז פאַרליבט אין א פרעמדער פרוי און וויל צוליב איר פארלאָזען זיין אייגען ווייב און קינדער. דער שכל זאָגט אים אז ער זאָל עס ניט טאָן, ווייל עס קען פון דעם ארויסקומען א טראַגעדיע פאר ביידע פאַמיליעס. און אויב דער סוף איז, אַז ער האָט זיין פרוי און קינדער דאָך ניט פאַרלאָזען און איז מיט דער פרעמדער פרוי ניט אוועק, מיינט עס ניט אז ער האָט זיך „גובר געווען", אָדער ארויסגעצייגט אַ שטאַרקען כאַראַקטער. עס קען דאָך זיין אז צו הילף פון די וואָרנונגען פון שכל האָבען זיך אין אים ערוועקט דער געפיהל פון יושר צו זיין פרוי; דער געפיהל פון פאָטער ליבע צו זיינע קינדער, וואָס וואָלטען שרעקלאך געליטען ווען ער וואָלט זייער מוטער פאַרלאָזען; דער געפיהל פון שרעק פאר א סקאַנדאַל.

אן אָנגעזעהענער אידישער שריפטשטעלער האָט זיך פאר מיר אמאָל באַרימט, אז נאָך דעם ווי ער האָט יאָהרען לאנג געררויכערט, האָט ער פלוצים אויפגעהערט צו רויכערן, און — עס אַהרט אים ניט. מאַכט עס דעם איינדרוק פון א „שטאַרקען ווילענסקראַפט". אבער דאָס, וואָס „עס אהרט אים ניט" — פאַראַט אים. די פראַגע איז: ווי וואָלט ער געהאַנדעלט ווען עס וואָלט אים געאהרט און עס וואָלט זיך אים שטארק געוואָלט רויכערן?

דאָס מיינט ניט אז דער מענש האַנדעלט קיין מאָל ניט ווי דער שכל דיקטירט אים. נאָך אלעמען איז שכל אויך א פאַקטאָר אין לעבען און האָט אויך א דעה. אָבער יעדעס מאָל, ווען דער געפיהל איז אין אַ מענשען שטארק גענוג, אָדער שטארק גענוג צורייצט, וועט ער האַנדלען לויט דעם דרוק פון דעם געפיהל, און ניט פון שכל. ער האַנדעלט לויט דעם געפיהל ווייל אזוי ווילט זיך אים טאָן; דער גאַנצער קערפער זיינער ווערט געצויגען אין דער ריכטונג פון באַפרידיגען דעם געפיהל; איבערצולעבען דעם פאַרגעניגען פון באַפרידיגען דעם געפיהל. שטאַרקע אָדער צורייצטע געפיהלען דערלאָזען ניט אַז דער שכל זאָל זיך אפילו אריינמישען און זאָגען א דעה. רעדט מיט מענשען וואָס זיצען אין די געפענגניסע פאר פארברעכענס וואָס זיי זיינען באַגאַנגען אין היץ פון א געפיהל — ליבע, אייפערזוכט, נקמה, געיעג נאָך כבוד, אָדער אַנדער געפיהל — וועלען זיי אייך א י צ ט ע ר צוגעבען, אַז זיי האָבען געהאַנדעלט „ניט אויסגערעכענט" — ד. ה. ניט גערעכענט זיך מיט'ן שכל, — און אַז א י צ ט ע ר האָבען זיי חרטה. אזוי וועלען זיי אייך זאָגען איצטער, א צייט נאָך דעם ווי דער צורייצטער געפיהל איז באַפרידיגט געוואָרען און זיי טראָגען אויף זיך די לאַסט פון שטראָף. אָבער דאַן, ווען דער געפיהל איז געווען צורייצט, איז דער שכל „אין דערהיים ניט געווען".

ביי אַנדערע איז דער שכל גראַדע „אין דער היים". זיי ווייסען גאַנץ גוט אז די האַנדלונג וואָס זיי געהען דורכפיהרען, איז אזא, פאַר וועלכער זיי וועלען דערנאָך דאַרפען באַצאָהלען אַ שווערען פּרייז. זיי גיבען אָבער אַ מאַך מיט דער האַנט ווי זיי זאָלען זאָגען: „איך האָב עס אין דר'ערד! איך וועל דאַרפען באַצאָהלען? וועל איך באצאָהלען. אָבער איצטער וויל איך אויספיהרען דאָס מייניגע"! און „אויספיהרען" מיינט אין אַזאַ פאַל איבער־צולעבען דעם פאַרגעניגען פון באַפרידיגען דעם געפיהל, אָדער אים באַרו־היגען.

אונטער דעם דרוק פון דעם געפיהל פון הונגער זיינען מענשען גרייט צו געהן אויף פאַרברעכענס ריזיקירענדיג איבערצולעבען דערנאָך די שאַנדע פון ווערן געכאַפּט, געמשפּט און באַשטראַפט. מען דאַרף דאָ אָבער באַ־מערקען, אַז גראַדע הונגער, וואָס ווערט געוועהנלאַך באַטראַכט אַלס דער מעכטיגסטער געפיהל וואָס טרייבט צו די פאַרצווייפעלטסטע און בלוטיגסטע האַנדלונגען, איז אין דער פּאַקטישער ווירקלאַכקייט די שוואַכסטע טרייב־קראַפט. דאָס פאַרצווייפעלטסטע צו וואָס עס טרייבט געוועהנליך אַ מענ־שען, איז קליינלאַכע גנבה. אנדערע געפיהלען, וואָס ווערן באַטראַכט אַלס אַסך שוואַכערע — ווי געיעג נאָך כבוד, סענטימענטאַליטעט, פייערלאַכקייט און אנדערע — טרייבען מענשען צו אסך געפעהרליכערע האַנדלונגען. דאָס ערקלעהרט זיך וואַרשיינלאַך דערמיט, וואָס צו הונגער ווערן געוועהנלאַך געטריבען מענשען מיט אַ שוואַכערער מאָס פון ענערגיע און אונטערנעמונגס גייסט.

אונטער דעם דרוק פון די געפיהלען פון ליבע און פון אייפערזוכט זיינען מענשען גרייט צו דערמאָרדען אנדערע, אָדער מאַכען אַ סוף צו זייערע אייגענע לעבענס. טעאָרעטיש אמווייניגסטענס ווערט דאָס אייגען לעבען באַטראַכט אַלס דאָס טייערסטע וואָס אַ לעבעדיג'ער אָרגאַניזם פאַר־מאָגט, און זעלבסט פּרעזערוואַציע, ד. ה. דאָס אָפּהיטען דאָס אייגען לעבען, ווערט באַטראַכט אלס די מעכטיגסטע טרייב־קראַפט פון אַלע אונזערע האַנד־לונגען און אויפפיהרונגען. און אויב איינער דערשיסט זיך ווייל אַ געוויסע מיידעל וויל מיט אים ניט חתונה האָבען, מיינט עס, אז דער געפיהל פון ליבע איז אין אים שטאַרקער ווי דער געזעץ פון זעלבסט פּרעזערוואַציע.

אונטער דעם דרוק פון דעם געפיהל פון מוטער ליבע איז אַ דורכ־שניטלאַך נאָרמאַלע פרוי פעהיג צו ריזיקירען מיט איר לעבן, אדער איז גרייט אוועקצוגעבען איר לעבען כדי צו ראַטעווען איר קינד.

אונטער דעם געפיהל פון סענטימענטאַליטעט איז אַ מענש פעהיג אַריינ־צושפּרינגען אין אַ ברענענדער הויז און ראַטעווען אַ קעצעלע.

אונטער דעם דרוק פון דעם געפיהל פון נקמה זיינען מענשען גרייט צו דערשיסען איינער דעם צווייטען, כאָטש מיט׳ן שכל ווייסט יעדער פון זיי, אַז די נקמה קען פיהרען צו זיין אייגענעם טויט.

אונטער דעם דרוק פון דעם געפיהל פון נצחון, כדי „אויסצופיהרען דאָס מייניגע״, און ניט דערלאָזען אַז יענער זאָל האָבען איבער „מיר״ אפילו אַ מאָראַלען זיג, זיינען מענשען גרייט אויף בלוטיגע געשלעגען, און אפילו באַגעהן אַ מאָרד.

אונטער דעם דורק פון דעם געפיהל פון אָבערגלויבען אָדער רעליגיע, און אונטער דעם דרוק פון רעליגיעזע געוואוינהייטען זיינען מענשען גרייט מקריב צו זיין מיט זייערע לעבענס און געהן אויף „קדוש השם״. אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער זיינען געווען, און זיינען נאָך איצטער פאַראַן מענשען וואָס לאָזען זיך פייניגען, פאַרמאַטערט ווערן אויף טויט, אָדער פאַרברענען אויף שייטערהויפענס כדי ניט צו בייטען די פאָרם פון רעליגיע. קריסטען, וואָס האָבען זיך געצלמט מיט צוויי פינגער, האָבען באַצאָהלט מיט זייערע לעבענס כדי ניט זיין געצוואונגען צו צלמ׳ען זיך מיט דריי פינגער.

אונטער דעם דרוק פון רעוואָלוציאָנערע געפיהלען זיינען מענשען גע־גאַנגען, און געהען נאָך איצטער אויף טעראָריסטישע אַקטען פון וועלכע אַלע וועגען צו אַנטלויפען זיינען פאַרשטעלט. זיי געהען אויף זיכערן טויט.

אַ גרויסע צאָהל יונגעלייט האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן די אַרמעיען און זיך געלאָזט אוועקשיקען אויף די שלאַכטפעלדער ווען זייערע געפיהלען פון פּאַטריאָטיזם אָדער פייערלאַכקייט זיינען געוואָרען צורייצט. און ניט נאָר דאַן ווען די אינטערעסען פון דעם אייגענעם לאַנד שטעהען אין געפאַהר, נאָר אפילו דאַן ווען אַזאַ געפאַהר איז ניטאָ אפילו טעאָרעטיש. די אַמערי־קאַנער איינוואוינער האָבען ניט געהאַט, און האָבען איצטער אויך ניט קיין שנאה צו דעם פאָלק פון דייטשלאַנד. פונדעסטוועגען ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך אין 1917 אָנגעשלאָסען אָן דער וועלט־מלחמה, האָבען זיך טויזענטער אַמעריקאַנער יוגענלייט פרייוויליג אָנגעשלאָסען אָן דער אַרמיי און זיך געלאָזען אוועקגעשיקט צו ווערן אויף די שלאַכטפעלדער אויף יענער זייט ים.

די אַזוי גערופענע איטאַליעניש־אַביסינישע מלחמה איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די רייכע, מעכטיגע, גוט אָרגאַניזירטע און גוט באַוואָפענטע אי־

טאַליע האָט געשיקט אירע סאָלדאַטען קיין אפריקא צו פאַרכאַפּען מיט גוואַלד די אָרימע, שוואַכע, אומבאַוואָפענטע אביסיניע. דער גאַנצער עפּיזאָד איז געווען געגען דער רעליגיעזער לעהרע פון די איטאַליענער גופא, געגען דער מאָראַל פון ציוויליזירטע פעלקער, און געגען די אינטערנאַציאָנאַלע באַציהונגען פון ציוויליזירטע לענדער. עס איז געווען אַן אַקט פון אָפענער באַוואָפענטער רויבעריי, — אַן אַקט פאַר וועלכען מען גיט געוועהנליך די העכסטע שטראָף אין יעדען לאַנד באַזונדער, און וואָס איז אין דעם פאַל ניט באַשטראָפט געוואָרען בלויז דערפאַר, ווייל עס איז נאָך ניט אָרגאַניזירט געוואָרען אַזאַ אינסטאַנץ וואָס זאָל אזעלכע פאַלען משפּט׳ען און באַשטראָפען. פונדעסטוועגען האָבען הונדערטער יונגע איטאַליענער פאַרלאָזען זייערע אָנגעזעסענע היימען אין נאָרד און זיד אמעריקא, זיינען פרייוויליג אוועק צוריק אין דעם לאַנד פון וועלכען זיי אליין, אָדער זייערע עלטערן האָבען פריהער עמיגרירט, האָבען זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסען אָן דער ארמיי און זיך געלאָזען אוועקשיקען אויף די שלאַכטפעלדער פון אביסיניא וואו זיי האָבען ריזיקירט מיט זייערע לעבענס און געזונט.

אונזערע געוואוינהייטען, און איבערהויפּט די געפיהלען אונזערע, קאָנטראָלירען ניט נאָר אונזערע האנדלונגען און אויפפיהרונגען, נאָר אפילו דעם גאַנג פון אונזערע געדאַנקען. די געוואוינהייטען און די געפיהלען ווירקען אויפ׳ן שכל און צווינגען אים אונטערצוקלייבען און ארויסשטעלען אזעלכע אַרגומענטען, וואָס זאָלען באַרעכטיגען די האַנדלונגען וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון די געפיהלען אָדער געוואוינהייטען, אפילו ווען דאָס איז געגען אונזערע ערפאַהרונגען אָדער געגען די וויסענשאפטלאך פעסטגעשטעלטע אמת׳ן.

אַ מאַן איז פאַרליבט אין א פרעמדער פרוי, אָדער איז בכלל ניט גלייכגילטיג צו פרעמדע פרויען, וועט ער פּרעדיגען די טעאָריע פון פרייע ליבע און וועט אונטערקלייבען און ארויסשטעלען בלויז אזעלכע אַרגומענטען וואָס זאָלען שטיצען זיין שטאַנדפונקט. און זאָל זיך ביי אים די לאַגע אויסלייגען פונקט פאַרקעהרט, זאָל זיך זיין פרוי פאַרליבען אין א פרעמדען מאַן, וועט ער ארויסטרעטען אלס שאַרפער געגנער פון דער טעאָריע פון „פרייע ליבע״, וועט פּעדיגען „ריינקייט פון משפּחה״ און וועט אונטערקלייבען און ארויסשטעלען בלויז אזעלכע ארגומענטען וואָס וועלען שטיצען זיין נייעם שטאנדפונקט.

צוויי מענשען פיהרען א דעבאַטע וועגען נאַציאָנאַליזם. איינער פון זיי איז א „פאַרברענטער“ נאַציאָנאַליסט; און אַ נאַציאָנאַליסט איז ער דערפאַר, ווייל דאָס איז דער אויסדרוק פון זיינע נייגונגען, און הויפטזעכלאך דערפאַר, ווייל אין דעם גייסט איז ער אויסגעוואַקסען און ערצויגען געוואָרען און עס איז ביי אים געוואָרען אַ געוואוינהייט. און איצטער, — ווען ער לייענט, ווען ער טראַכט אָדער ווען ער רעדט מיט מענשען כאַפּט ער זיך אָן און שטעלט אַרויס בלויז אַזעלכע אַרגומענטען וואָס שטיצען זיין שטאַנדפּונקט. און ניט אַלע מאָל קלייבט ער אונטער די אַרגומענטען אויסגערעכענט און אַבזיכטלאך, — אין דאָס רוב פאַלען רוקען זיך אונטער די אַרגומענטען אליין צו אים; זיי ציהען זיך צו אים, זיי געהען אים אַנטקעגען פרייוויליג. ווייל דער גאַנצער גייסטיגער צושטאַנד זיינער, וואָס געפינט זיך אונטער דער קאָנטראָל פון זיינע נאַציאָנאַליסטישע געפיהלען און געוואוינהייטען, וועט כמעט אומבאַוואוסטזיניג זוכען און ציהען צו זיך בלויז אזעלכע פאקטען און ארגומענטען וואָס וועלען באַשטעטיגען זיין שטאַנדפּונקט. און ווען ער דעבאַטירט מיט זיין אָפּאָנענט, קוקט ער אויף אים און קען ניט פאַרשטעהן ווי אזוי איז יענער „אַזוי בלינד“ און זעהט ניט די קלאָרקייט און די קראַפט פון אָט די אַרגומענטען.

און דער אָפּאָנענט זיינער האַלט ניט פון נאַציאָנאַליזם. ער גלויבט, אז ווען נאַציאָנאַליזם וועט אָפּגעשאַפען ווערן, און אַלע פעלקער וועלען זיך צוזאַמענגיסען אין איין פאַלק, — וועלען פאַרשווינדען נאַציאָנאַלע אייפערזוכט, ראַסען האַס, שנאה און מלחמות. און צו דערוויזען די ריכטיקייט פון זיין שטאַנדפּונקט שטעלט ער ארויס איין געדאַנק נאָכ׳ן צווייטען, איין אַרגומענט נאָכ׳ן צווייטען. און ער קוקט אויף זיין אָפּאָנענט און קען ניט פאַרשטעהן ווי אַזוי איז עס א מענש „אזוי בלינד“ און באַגרייפט ניט די קראַפט פון די אַרגומענטען געגען נאַציאָנאַליזם.

סיר אליווער לאָדזש איז אין זיין צייט געווען איינער פון די גרעסטע פיזיקער אין ענגלאַנד און א אוניווערסיטעט פראָפעסאָר פאַר פילע יאָהרען. אין דער זעלבער צייט איז ער אָבער אויך געווען רעליגיעז און אָבערגלויבעריש. ער פלעגט געהן אין קירך בעטען גאָט, האָט געפייערט רעליגיעזע יום־טובים, האָט געגלויבט אַז די נשמות פון מענשען לעבען אייביג אפילו ווען דער קערפּער איז שוין לאַנג טויט, און ער פלעגט געהן צו מעדיאומס צו רעדען מיט דער נשמה פון זיין זוהן וואָס איז געפאַלען אין דער וועלט־מלחמה. און ער איז ווייט ניט דער איינציגער געלערענטער מאַן וואָס האָט פראַקטיצירט רעליגיע און אָבערגלויבען.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט אין ביאָלאָגיע, אַז ווען עס פּאָרען זיך פאַרשטעהער פון פאַרשידענע ראַסען, זיינען די קינדער, גענומען אין אַלגעמיין, געזונטער, פעהיגער, קליגער און באַזיצען מעהר וויטאַליטעט, ווי די קינדער וואָס ווערן געבוירען פון עלטערן פון זעלבען פאָלק אָדער דער זעלבער גרופּע. אָבער ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד, און איינער פון די פונדאַמענטען פון זיין פיהרערשאפט איז געווען אנטיסעמיטיזם און ראַסען־האַס, איז דאָרטען אויפגעבויט געוואָרען א גאַנצע טעאָריע וועגען „ריינקייט פון ראַסע". האָבען זיך געפונען אָנער־קענטע אַנטראָפּאָלאָגען און פּראָפעסאָרען פון אוניווערסיטעטען וואָס האָבען אונטערגעקליבען פאַקטען און געזוכט צו דערווייזען, אַז יעדער איינער מוז אָפּהיטען די ריינקייט פון ראַסע, און אַז עס איז ביאָלאָגיש שעדלאך ווען פאַרשטעהער פון פאַרשידענע ראַסען פּאָרען זיך צווישען זיך. אייניגע פון אָט די אַנטראָפּאָלאָגען האָבען מיט עטלאַכע יאָהר פריהער, איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, געלערענט פונקט פאַרקעהרט.

אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט בכלל און אין דער וויסענשאַפט בפרט איז אָנגענומען, אַז די וויסענשאפט שטעהט אויסער פּאָליטישע אדער נאַציאָנאלע גרענעצען. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי א נאַציאָנאַלע וויסענ־שאַפט. צוויי מאָל צוויי איז פיער איבער דער גאנצער וועלט, און עס קען ניט זיין קיין דייטשער, פראַנצויזישער, אמעריקאנער אָדער כינעזישער צוויי מאָל צוויי. אָבער אונטער דעם דרוק פון דעם נאַציזם, וואָס היטלער האָט אריינגעבראכט אין דייטשלאַנד מיט זיין דיקטאַטאָרישער מאַכט, האָבען אפילו אָנגעזעהענע דייטשע געלערענטע און פּראָפעסאָרען אָנגעהויבען רעדען וועגען א נאַציאָנאַלער דייטשער וויסענשאַפט וואָס דאַרף זיך, איך וויס ניט אויף וועלכען אופן, אונטערשיידען פון אנדערע וויסענשאפטען.

עס איז אמת, אז אין דאָס רוב פאַלען האַנדלען אזוי די דייטשע געלע־רענטע — שטיצען די „ריינקייט פון ראַסע", און פּרעדיגען „נאַציאָנאַלע וויסענשאפט" — כדי אָנצוהאַלטען זייערע פּאָזיציעס, ווייל גרויס איז די צאָהל פון דייטשע געלערענטע מענער וואָס זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער פאָטערלאַנד בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט געשטיצט היט־לערס „וויסענשאפטלאכע טעאָריעס". עס איז אָבער אויך קיין צווייפעל ניט, אַז פיעלע פון זיי האָבען געהאַנדעלט מיט איבערצייגונג. געלערענטע מענשען און פּראָפעסאָרען זיינען אויך מענשען און זיי האָבען אויך געפיה־לען, — געפיהלען פון האַס אריינגערעכענט. נאָר פריהער, ווען דייטשלאַנד איז געווען א גלייכער מיטגליד אין דער משפחה פון די ציוויליזירטע לענדער,

האָט מען זיך דאָרטען געהאַלטען אין די ראַמען פון דער קולטורעלער מאָ־ראַל און עטיק. אָבער איצטער, ווען די געפיהלען פון ראַסען־האַס און נאַציאָנאַלער שטאָלץ זיינען צורייצט געוואָרען, און מען שעהמט זיך דאָרטען ניט עפענטלאך צו פאַרברענען אויף שייטערהויפענס די בעסטע ווערק פון קונסט און וויסענשאפט — שעהמט מען זיך אויך ניט ארויסצוטרעטען אין דער עפענטלאַכקייט מיט אזעלכע באַהויפטונגען, וועלכע זיי אליין וואָלטען ניט געוואַגט צו מאַכען מיט אַ שטיקעל צייט פריהער, איידער היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט; און זיי מיסברויכען איצטער מיט יענער אָנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט, וואָס זיי האָבען ערוואָרבען אין די פריהערדיגע יאָהרען.

6.

מלחמות קומען פאַר; זיי האָבען אָבער געקענט ניט פאָרקומען אויך; ווייל פונקט ווי עס זיינען פאַראַן געפיהלען וואָס קענען צורייצט ווערן און דערפיהרען צו אַ מלחמה, — זיינען פון דער צווייטער זייט פאַראַן אי געפיהלען, אי פראַקטישע מאָטיווען געבויט אויף ערפאַהרונגען, וואָס זיינען געגען זיי. און איינס באַלאַנסירט דאָס צווייטע. און אין דעם ליגט די געפאַהר, ווייל אומעדום וואו איין גרופע זאַכען, אָדער אומשטענדען האלט אין גלייכגעוויכט, אָדער באַלאַנסירט אַ צווייטע גרופע זאַכען אָדער אומשטענדען, איז גענוג אַז עמיצער, וואָס איז פערזענלאַך אין דעם פאראינטערעסירט און האָט די געלעגענהייט און די מאַכט, זאָל ארויפלייגען א פינגער אויף איין וואָג־שאָל, און די שאָל זאָל איבערוועגען אין זיין זייט.

זיינען אין אונזער געזעלשאפט פאַראַן אי איינצעלנע מענשען, אי קליינע גרופעס וואָס זיינען דירעקט און פערזעלאך פאַרנאינטערעסירט אַז מלחמות זאָלען פאָרקומען. אהער באַלאַנגען: פאַבריקאַנטען, רייכע סוחרים, באַנקירען, פאַרמיטלער און אַנדערע פערזענלאַכקייטען אָדער קאָרפּאָראַציעס פון דעם זעלבען מין. אין צייט פון מלחמה פאַבריצירען זיי, פאַרקויפען אָדער שטעלען צו פאַרשידענע סחורות, באַרגען אויס געלט אדער פיהרען דורך פאַרשידענע טראַנסעקציעס, — און אַלץ אין אַ זעהר ברייטער מאָס און מיט ריזיגע פראָפיטען. און ניט נאָר אין מלחמות גופא, — זיי זיינען אויך דירעקט פאַראינטערעסירט אין די צוגרייטונגען צו מלחמות, אי דערפאַר וואָס דאָס איז דער זיכערסטער וועג וואָס פיהרט צו די מלחמות, אי דערפאַר וואָס אפילו אין די אזוי גערופענע „פרידלאכע צייטען“, מאַכען זיי אויך גרויסע פראָפיטען צושטעלענדיג דער רעגירונג פּראָוויאַנט, קליידער, געוועהר און אַמוניציע פאַר דער מיליטער, און באַרגענדיג געלד צו קויפען אָט די אַלע זאַכען.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע באַלאַנגען אויך די העכערע מיליטערישע באַאמטע, א צאָהל העכערע רעגירונגס באַאמטע, דיפּלאָמאַטען, און אַזעלכע

איינצעלנע פּערזענלאַכקייטען וואָס שטעהען אָן דער שפּיץ פון רעגירונגען, ווי קעניגע, פּרעזידענטען און דיקטאַטאָרען. די מלחמות דאַרפען זיי אַז כדי רעכטצופערטיגען זייער עקזיסטענץ, אַז דערפאַר וואָס דאָס איז די געלע־גענהייט געהעכערט צו ווערן אין ראַנג אָדער פּאָזיציע, ווערן באַרימט און פּאָפּולער, און אַמאָל אַפילו מאַכען אסך געלד און ווערען רייך.

און געפעהרלאַכער פון אַלעמען אין דער הינזיכט זיינען די פאַברי־קאַנטען פון געוועהר און אַמוניציע. זייערע אונטערנעמונגען זיינען קאָלאָ־סאַלע; אין יעדער פון זיי זיינען צעהנדליגער און הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר פאַרוויקעלט; יעדע פון זיי איז אין אַ געוויסען גרונד אַ מאָנאָפּאָל וואָס האָט כמעט קיין קאָנקורענץ ניט געגען זיך, זיינען די פּראָפיטען זייערע קאָלאָסאַלע. זיי זיינען עס מעהר פון אַלעמען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז מלחמות זאָלען פאָרקומען, אַז אין דעם אַז מען זאָל זיך צו מלחמות שטענדיג גרייטען.

אָט די אַלע מענשען צוזאַמענגענומען זיינען אומבאַדייטענד קליין אין צאָהל אין פאַרגלייך מיט די פילע מיליאָנען מענשען פון דעם גאַנצען פאָלק אין יעדען לאַנד באַזונדער; זיי האַלטען אָבער אין זייערע הענט די גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט פון לאַנד, און מיט אָט דער מאַכט צווינגען זיי די מאַסען פון פאָלק צו טאָן אַלץ וואָס עס לוינט זיך זיי, די מאַכטהאָבער. און דאָס מערקווירדיגע, דאָס פאַראַדאָקסאַלע דערביי איז, וואָס זיי צווינגען די מאַסען פון פאָלק צו טאָן זייער ווילען ניט אויף דעם אופן, אַ שטייגער, ווי אַ פיער־פינף באַוואָפענטע סאָלדאַטען קענען צווינגען אַ הונדערט גע־שמידטע אַרעסטאַנטען צו טאָן שווערע ארבייט אין פעלד, נאָר זיי שטעלען אריין דאָס פאָלק אין אַזעלכע גייסטיגע באַדינגונגען, אַז זיי, די מאַסען פון פאָלק, זאָלען אַליין טאָן דעם ווילען פון די מאַכטהאָבער מעהר אָדער ווענינער פרייוויליג, אַפילו ווען עס איז געגען זייערע אייגענע קערפּערלאַכע און מאַטעריעלע אינטערעסען. עס קלינגט אומגלויבלאַך, אָבער אַזוי קומט עס פאָר.

אלס אַן אילוסטראַציע קען דינען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע וואָס הערשט דאָ ביי אונז אין לאַנד.

די פאַראייניגטע שטאַטען איז אַ דעמאָקראַטישע לאַנד. די באַפעל־קערונג אַליין ערוועהלט אירע פאָרשטעהער וואָס שאַפען די געזעצען פון לאַנד, און זי ערוועהלט די בעאַמטע וואָס דאַרפען אָט די געזעצען אויס־טייטשען, אַנווענדען און אָפּהיטען. און די וואַהלען זיינען געהיימע: קיינער טאָר ניט וויסען פאַר וועמען אַ צווייטער האָט געשטימט. דאָס לאַנד פאַר־

מאַגט אַ באַפעלקערונג פון 130 מיליאָן נפשות וואָס באַלאַנגען צו די סאַמע פאַרשידענסטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע שיכטען וואָס קענען נאָר מעגלאַך זיין, אָנהויבענדיג פון אַזעלכע אָרימע וואָס האָבען ניט זייער טעגלאַך ברויט און קיין דאַך איבער'ן קאָפּ, און ביז די רייכסטע מענשען אין דער וועלט. זיינען די אינטערעסען פון די פאַרשידענע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג גוואַלדיג פאַרשידען. פונדעסטוועגען זיינען אין דעם גאַנצען לאַנד פאַראַן בלויז צוויי הערשענדע פּאָליטישע פּאַרטייען, די רעפּובליקאַנישע און די דעמאָקראַטישע, אוןביידע פאַרטרעטען בלויז דעם רייכען און הערשענדען קלאַס. צווישען די 530 פאַרטרעטער איןביידע הייזער פון דעם קאָנגרעס — די קערפּערשאַפט וואָס שאַפט די געזעצען פון לאַנד — זיינען פאַראַן בלויז צוויי־דריי פאַרשטעהער פון די ארבייטער און פאַרמערס, פון דער אזוי־גערופענער ארבייטער און פאַרמער פּאַרטיי; און די אַלע איבעריגע געזעצ־מאַכער, און די אַלע ערוועהלטע ריכטער און העכערע רעגירונגס־בעאמטע, אי לאָקאַלע, אי פעדעראַלע, זיינען פאַרשטעהער פון די צוויי הערשענדע פּאַרטייען און פארטרעטען די אינטערעסען פון די רייכע און מעכטיגע. דורך דעם אליין זיינען זיי שוין געגען די אינטערעסען פון די אָרימע און אונטערדריקטע, כאָטש די צאָהל פון די אָרימע און אונטערדריקטע איז אסך מאָל גרעסער ווי די צאָהל פון די רייכע און מעכטיגע.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס, אז יעדעס יאָהר געהען די מאַסען פון פאָלק צו די שטימקאַסטענס און יעדעס יאָהר ערוועהלען זיי אליין אי געזעצמאַכער, אי רעגירונגס־בעאַמטע וואָס פאַרטרעטען ניט זייערע אייגענע אינטערעסען; ניט די אינטערעסען פון די וואָס ערוועהלען זיי, נאָר די אינ־טערעסען פון זייערע סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געגנער.

דער מעטאָד וואָס ווערט אָנגעווענדעט צו דערגרייכען אַזאַ פּאַראַדאָק־סאַלען רעזולטאַט, ווען מענשען זאָלען אליין און פרייוויליג האנדלען געגען זייערע אייגענע אינטערעסען און פאר די אינטערעסען פון זייערע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געגנער, באַשטעהט אין דעם, וואָס פון קינדווייז אָן פלאַנצט מען איין אין זיי געוויסע געוואוינהייטען און מען צוריצט אין זיי און מען באַפרידיגט געוויסע געפיהלען. דאָס איבעריגע קומט שוין פון זיך אליין.

קינדער זיינען יונגע מענשען וואָס האַלטען אין וואַקסען קערפּער־לאַך און גייסטיג. אין זייער גייסטיג צוצופּאַסען זיך צו די באַדינגונגען און פאָדערונגען פון לעבען וואַרטען זיי ניט אז זיי אליין זאָלען דורכמאַכען די

אַלע ערפאַהרונגען פון לעבען כדי צו וויסען וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט, נאָר זאָפען דורשטיג אריין אין זיך די פאַרטיגע ערפאַהרונגען פון די פריהערדיגע דורות. און דערפאַר הערען זיי זיך אזוי זשעדנע איין צו אלץ וואָס עלטערע מענשען דערצעהלען זיי און גלויבען אלץ וואָס מען זאָגט זיי.

און אָט די אינסטינקטיווע אייגענשאַפט פון דעם מענשלאַכען מין נוצען אויס יענע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט וואָס האַלטען די מאכט אין זייערע הענט. די שולען, וואו מען לערנט די קינדער שרייבען, לייענען און רעכענען, באַלאַנגען אין יעדען לאַנד באַזונדער אָדער דירעקט צו דער רעגירונג, אָדער זיינען אונטער דער שטרענגער קאָנטראָל פון דער רעגירונג. און די הויפט אויפגאַבע פון די שולען איז פריהער פון אַלץ איינצופלאַנצען אין די קינדער און אַנטוויקלען אין זיי די געפיהלען פון פאַטריאָטיזם און מאַכן פון דעם א געוואוינהייט.

פאַטריאָטיזם מיינט אייגענטלאַך די ליבע און איבערגעבענהייט צום אייגענעם לאַנד און פאָלק. עס איז אַן אינסטינקטיווער געפיהל ביי מענשען און חיות און שטאַמט פון די געגענזייטיגע באַציהונגען צווישען די מיט־גלידער פון דער זעלבער משפחה אָדער גרופּע, — אַ באַציהונג וואָס שטאַמט אליין ארויס פון א ביאָלאָגישער נויטווענדיקייט. אָבער אין דער פאָרם ווי די שולען פלאַנצען איין דעם באַגריף אין די קינדער איז פאַטריאָטיזם ניט די ליבע און איבערגעגעבענהייט צו די אינטערעסען פון דעם אייגענעם לאַנד און פאָלק, נאָר די פארהייליגונג פון דער פאָהן וואָס סימבאָליזירט מיט זיך דאָס לאַנד.

אין דער הינזיכט איז פאַטריאָטיזם עהנלאַך צו דער פּראַקטיקע פון רעליגיע בכלל און דער קריסטלאַכער רעליגיע בפרט. ניט די רעלי־גיעזע לעהרע איז וויכטיג, ניט איר עטיק און מאָראַל, נאָר דער צלם און די „הייליגע בילדער" אלס סימבאָל פון דער רעליגיע. אויב א מענש האַנדעלט געגען דעם זין און דעם גייסט פון רעליגיע, וועט מען אים דער־פאַר גאָרניט טאָן, אויב די האנדלונג זיינע איז ניט געגען די געזעצען פון לאַנד. אין דאָס רוב פאַלען ווערן אזעלכע האַנדלונגען אפילו באַטראַכט אלס נאַטירלאכע און נאָרמאַלע, און אַמאָל איז עס אפילו א פליכט צו האַנד־לען געגען דעם זין און גייסט פון דער רעליגיע. אזוי צ. ב. ש. ווערט עס באַטראַכט אלס אַ פליכט, אַז יעדער קריסט זאָל נעמען אַ ביקס אין האַנט כדי צו „פאַרטיידיגען" זיין פאַטערלאַנד, כאָטש אויף וויפיעל דער מאַן איז אַ קריסט מוז ער גלויבען אַז גאָט איז דער באַלאַבאָס פון דער וועלט, און

אָהן זיין ווילען וועט קיינער ניט אָנריהרען זיין פּאַטערלאַנד אָדער זיין פרייהייט, און כאָטש די רעליגיע זיינע האָט אים בפירוש אָנגעזאָגט, אז ער טאָר דעם צווייטען ניט הרג׳ענען אָדער שלאָגען, אפילו ניט פאַרטיידיגען זיך ווען יענער באַפאַלט אים. מעג, הייסט עס, אַ קריסט האַנדלען געגען דעם זין און גייסט פון זיין רעליגיע. אָבער זאָל ער חלילה אָנריהרען דעם כבוד פון דעם צלם אדער „הייליג בילד״, קען ער שווער באַשטראָפט ווערן, און אַמאָל איז ער אפילו מיט׳ן לעבען ניט זיכער.

דאָס זעלבע איז מיט דעם פּאַטריאָטיזם אין דער פאָרם ווי די שולען פלאַנצען עס איין אין דער וואַקסענדער יוגענד אין יעדען לאַנד באזונדער. ניט די רעאַלע אינטערעסען פון דעם אייגענעם לאַנד און פאָלק זיינען וויכטיג, נאָר די „הייליגטום״ פון דער פאָהן פון דעם לאַנד. מענשען האַנדלען געגען די אינטערעסען פון אייגענעם לאַנד און פאָלק, און זיי ווערן ניט באַשטראָפט. עס ווערט באַטראַכט אלס א גאַנץ נאָרמאלע אָדער נאַטירלאכע זאַך, און מען קען אפילו ארויסגעשטעלט ווערן אלס א ביישפּיל פון הויכען פּאַטריאָטיזם, אויב מען פאָכט פרום מיט דער פאָהן און מען רעדט מיט׳ן מויל שעהנע פּאַטריאָטישע רייד. אָבער זאָל עמיצער פּרואווען אָנריהרען דעם כבוד פון דער פאָהן, קען מען שווער באַשטראָפט ווערן, און אַמאָל איז מען אפילו מיט׳ן לעבען ניט זיכער.

מען לערנט די קינדער, אז יעדער בירגער מוז זיין אַן איבערגעגעבענער פּאַטריאָט און הויך האַלטען די פאָהן פון זיין לאַנד; ער מוז זיין שטענדיג גרייט צו באַשיצען זי מיט זיין לייב און לעבען און זיין גרייט מקריב צו זיין זיך פאר איר. מען לערנט די קינדער, אז יעדער בירגער מוז אָפּהיטען א שטרענגע דיסציפּלין, און דאָס מיינט צו פאָלגען אלץ וואָס העכערע בע־אַמטע הייסען טאָן; און פאָלגען מוז מען בלינד, ניט איבערגעטראַכט, ניט קריטיקירט, אפילו ווען מען הייסט שפּרינגען אין פייער און אין וואַסער.

און כדי טיפער איינצופלאַנצען אין די קינדער אָט די געדאַנקען און באַציהונגען ווערט עס דורכגעפיהרט מיט אַן אויסגערעכענטער און אויס־געפּרובירטער סיסטעמאַטישקייט און גרינדלאַכקייט און באגלייט מיט פּאַראַד און צערעמאָניע. ווערן די געפיהלען פון פייערלאַכקייט צורייצט און באַ־פרידיגט, און די קינדער ווערן מעהר עמפּינדלאַך איינצוזאַפּען אין זיך אלץ וואָס מען לערנט זיי.

די באַהויפּטונגען וואָס עס ענטהאַלטען אין זיך די לעהרע פון פּאַטריאָ־טיזם, ווערן ווידערהאָלט יעדען טאָג אויף פאַרשידענע אופנים און אין פאַר־שידענע פאָרמען, אי מינדלאך אי שריפטלאך. יעדען טאָג שווערט מען

טרייהייט צו דער פאָהן אָדער צו דעם בילד פון דעם קעניג. מען סאַלוטירט פייערלאַך די פאָהן און מען זינגט פּאַטריאָטישע לידער. די ליטעראַטור פאַר די קינדער, איבערהויפּט די אָפיציעלע ליטעראַטור, וואָס ווערט גע־האַלטען אין די שטאַטישע און אין די שול ביבליאָטעקען, באַשטעהט הויפּט־זעכלאַך פון אויסגעטראַכטע אדער היסטאָרישע מעשיות וועגען העלדען וואָס האָבען זיך מקריב געווען, אָדער זיינען געווען גרייט זיך מקריב זיין פאַר׳ן פאָטערלאַנד. און פאַרפאַסט זיינען זיי אין אַזאַ פאָרם און גייסט, אז עס וועקט און רייצט ביי די קינדער די געפיהלען פון ראַסען־האַס, קריגערישקייט און עהרענגייציקייט און וועקט א פאַרלאַנג נאָכצוטאָן די העלדען און אויך ווערן באַרימט אין דער וועלט און אין דער געשיכטע.

דאָס אַלץ דרוקט זיך אָפּ און פּרעסט זיך איין אין די יונגע פלאַסטישע מוחות און נשמות פון די קינדער און עס ווערט א געוואוינהייט ווי דאָס רעדען די מוטער־שפּראַך אָדער טאָן א געוויסע מלאכה אין וועלכער מען האָט זיך איינגעאיבט אסך יאָהרען לאַנג. וואַקסען מענשען אויס דורכגע־דרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין, אז אזוי איז די וועלט באַשאַפען, אז אזוי דאַרף עס זיין און אנדערש קען עס ניט זיין און טאָר ניט זיין.

נאַטירלאַך, — עס זיינען פאַראַן מעהר זעלבסטשטענדיגע מענשען מיט מעהר פאַרשענדע מוחות און נשמות. זיי פאַרגלייכען זייערע אייגענע איבערלעבונגען און ערפאהרונגען מיט דעם וואָס מען האָט געזוכט איינצו־פלאַנצען אין זיי, און זיי קומען צו זעלבסטשטענדיגע באַשלוסען וואָס שטימען ניט פּינקטלאַך מיט די אָפיציעלע אָנגענומענע באַציהונגען צו זאַכען. אָבער זייער צאָהל איז זעהר קליין. די גרעסטע צאָהל מענשען אין יעדען לאַנד באַזונדער בלייבט ביי יענע געוואוינהייטען און באַציהונגען צו זאַכען וואָס מען האָט אין זיי איינגעפלאַנצט. זיי האָבען ניט קיין חישק, ניט קיין פעהיגקייטען, ניט קיין ענערגיע און ניט גענוג זעלבסטשטענדיקייט צו אַנאַ־ליזירען און קריטיקירען וואָס מען האָט זיי געלערענט און איינגעפלאנצט אין זיי. און מיט דער פיזישער מאַיאָריטעט זייערער צווינגען זיי ארויף זייערע באַציהונגען צו זאַכען אויף דער קליינער צאָהל מענשען וואָס טראַכ־טען אַנדערש.

אויף אַ באָדען וואָס איז אזוי סיסטעמאטיש און גרינדלאַך צוגעגרייט געוואָרען איז ניט שווער צו שאַפען א לאגע, אז מען זאָל שיקען מיליאָנען יונגעלייט אין מלחמה אריין, און די מענשען זאָלען אָהן פּראָטעסט און אפילו גערן און ווילינג געהן אויף די שלאַכטפעלדער וואו זיי האָבען אלע שאַנסען

ערמאָרדעט אָדער פאַרקריפּעלט ווערן, און ניט האָבען װעלכע עס איז אויס־ זיכטען פון גוצען פאַר זיך אָדער פאַר דעם אייגענעם לאַנד און פאָלק.

ווען עס קומט אַ פּאַסיגער מאָמענט, וואָס ווערט געוועהנלאך פון פריהער סיסטעמאַטיש און אויסגערעכענט צוגעגרייט, ווערט א מלחמה ערקלעהרט. און באַלד ווערן פאַרשפּרייט — דורך דער פּרעסע, דורך רעדנער און דורך פּאַטריאָטישע מיטינגען — פאַרשידענע אויפרייצענדע קלאַנגען, אז א געוויסער קעניג, אָדער א געוויסע פרעמדע רעגירונג האָט באַליידיגט „אונזער" פאָהן, אָדער ארויסגעצייגט א דירעקטע פיינדלאַכע באַציהונג צו „אונז"; אַז מיר מוזען שוין נעמען די ביקסען אין די הענט און געהן באַ־ שיצען דעם כבוד פון אונזער לאַנד און פאָהן, אַנדערש איז אונזער לאַנד, אונזער פרייהייט און אונזער כבוד אין גרויס געפאַהר. און מיט אַמאָל ווערט פאַרשפּרייט אַן אַנגעשטרענגטער, אינטענסיווער און האַסטיגער פּראָ־ צעס פון וועקען און רייצען ביים ברייטען פאָלק די געפיהלען פון פּאטריאָ־ טיזם, פון האַס, פון עהרענגייציקייט, פון פייערלאַכקייט, פון קאָמפּסלוס־ טיקייט, פון נצחון און פון די אַלע אַנדערע געפיהלען וואָס קענען דינען דעם ציעל און וואָס ליגען ביי יעדען איינעם סאַי ווי אויבען אויף און דיגען. און ווען די געפיהלען ווערן צורייצט צו אַזאַ אַנגעשטרענגטער שטופע וואַרטען אַז מען זאָל זיי צורייצען און גיבען א געלעגענהייט זיי צו באַפרי־ — טראכט מען ניט וואָס שפּעטער וועט זיין, נאָר מען ווארפט זיך אריין אין דעם אלגעמיינעם שטראָם כדי די געפיהלען צו באַפרידיגען. און טאָמער זיינען ערגעץ פאַראַן איינצעלנע מענשען וואָס פיהלען אָדער טראַכטען אנ־ דערש, ווערן זיי מיטגעשלעפּט מיט דעם גייסטיגען אָדער פיזישען כח פון דעם שטראָם.

7.

אַנטיסעמיטיזם איז אַן אויסדרוק פון דעם אוניווערסאַלען געפיהל פון אומצוטרויען, געגנערשאַפט און שנאה צום „פרעמדען" בכלל. אומעטום וואו עס באַגעגענען זיך מענשלאַכע גרופען וואָס זיינען לויט זייער ראַסע, נאַציאָנאַליטעט, רעליגיע אָדער שפּראַך עטוואָס אַנדערש איינער פון צווייטען, אנטשטעהט צווישען זיי אַ געגנערשאַפט און אפילו האַס. סיידען עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע היסטאָרישע, געאָגראַפישע, קאָמערציעלע, סענטימענטאַלע אָדער אַנדערע מאָטיווען וואָס שוואַכען אָפּ אָדער אונטערדריקען אָט די געגענזייטיגע געפיהלען און באַציהונגען, אַ שטייגער ווי עס איז דער פאַל און די געגענזייטיגע באַציהונג צווישען די פעלקער פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע.

די דייטשען האָבען פיינט די פראַנצויזען, און די פראַנצויזען האָבען פיינט די דייטשען. די גריכען און די טערקען האָבען פיינט איינער דעם צווייטען. דאָס רוב פעלקער פון די באַלקאַנען האָבען זיך פיינט איינער דעם צווייטען. ביז ניט לאַנג צוריק האָבען די טערקען אונטערדריקט און פאַרפאָלגט די אַרמענער און זיי אויסגעשאָכטען אין די פילע טויזענטער. די פעלקער פון די זיד־אַמעריקאַנער לענדער האָבען זיך ניט זעהר ליעב איינער דעם צווייטען, כאָטש אין גרונד איז דאָס דער זעלבער פאָלק, — אַ געמיש פון שפּאַניער, פּאָרטוגעזער און אינדיאַנער. אין אמעריקא האָט מען פיינט די נעגערס, און אין קאַליפאָרניאַ האָט מען ניט זעהר ליעב די יאַפּאַנעזער. די יאַפּאַנעזער האַסען די כינעזער, און די כינעזער צאָהלען צוריק מיט דער זעלבער מטבעה. און אַזוי איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער וועלט.

אפילו גרופען פון זעלבען לאַנד וואָס באַלאַנגען צום זעלבען פאָלק און צו דער זעלבער רעליגיע און רעדען די זעלבע שפּראַך, נאָר די דיאַלעקטען און די מנהגים זיינען אביסעל אַנדערש, האָבען פיינט איינער דעם

צווייטען. זיי מאַכען חוזק איינער פון צווייטען און ניט זעלטען דריקען זיי אויס זייערע געגענזייטיגע געפיהלען אויף א מעהר רעאַלען שטייגער.

אַלס יונגער בחור האָב איך געוואוינט אין א פונקט וואָס איז דער געאָגראַפישער צענטער פון קרים, זיד־רוסלאַנד. פלעגען יעדען זומער קומען אַהין פויערים אי פון ווייטע רוסישע גובערניעס, אי פון די נאָהענטערע אוקראַאינישע גובערניעס צו ארבייטען אויף די קרימער קאָלאָניעס. ביז מען האָט זיי געדונגען האָבען זיי זיך צולייגט אויפ'ן פעלד הינטער'ן שטעטל אין גרופּעס לויט די לאַנדסמאַנשאַפטען. האָבען די פויערים פון די ווייטע גובערניעס געהאַסט די אוקראַאינער פויערים און זיי אָנגערופען „כאַכלי"; און די אוקראַאינער האָבען געהאַסט די פויערים פון די ווייטע גובערניעס און זיי אָנגערופען „קאַצאַפּי". און אמווייניגסטענס איין מאָל א זומער פלעגט צווישען זיי אויסברעכען א געשלעג וואָס האָט אָנגעהאַלטען א פּאָר שעה צייט, ביז זיי זיינען מיעד געוואָרען.

אויף מאָרגען פלעג איך פרעגען די באַקאַנטע פויערים פון יעדען צד באַזונדער:

— פאַרוואָס האָט איר זיך געשלאָגען?

איז דער ענטפער שטענדיג געווען דער זעלבער:

— אָט גלאַט אַזוי זיך. זאָלען זיי וויסען. מען דאַרף זיי אָנלערנען.

די זעלבע זאַך קומט פאָר אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין איטאַליע, אין ענגלאַנד, אין כינע און אין יעדען לאַנד באַזונדער וואו די באַפעלקערונג באַשטעהט פון פאַרשידענע גרופּען וואָס רעדען אויף פאַרשידענע דיאַלעקטען אָדער האָבען פאַרשידענע מנהגים. אפילו ביי אונז, אין די פאַראייניגטע שטאַטען באַציהט זיך די באַפעלקערונג פון די זידלאַכע שטאַטען ניט מיט איבעריגען רעספּעקט צו דער באַפעלקערונג פון די נאָרד, צו די „נאָרדיקעס", אָדער „יענקיס".

איז עס גאַנץ נאַטירלאַך, אז מען זאָל אויך האַסען די אידען, בפרט נאָך וואָס פון אנדערע פעלקער אונטערשידען זיי זיך אי מיט דער רעליגיע, אי מיט דער שפּראַ[illegible]טראַדיציעס. עס איז אויך נאַטירלאַך, אַז די שנאה צו די אידען זאָל אָננעמען אַ מעהר אויסגעשפּראָכענע פאָרם צוליב זייער פּאָליטישער הילפלאָזיקייט. און דערצו איז די לאַגע פון די אידען, אלס קרבנות פון מענשען־האַס, נאָך שווערער צוליב א געוויסער היסטאָרישער אורזאַך.

קריסטענטום איז ניט נאָר אַ רעליגיע, — עס איז אויך א פּאָליטישע און סאָציאַלע מאַכט. אזוי איז עס נאָך איצטער, און סך מאָל שטאַרקער

איז די מאַכט געווען איבער דער גאַנצער לענג פון מיטעלאַלטער. עס זיינען געווען צייטען ווען אפילו „אומאָפּהענגיקע" קעניגע האָבען זיך געבוקט פאַר'ן הויפּט פון דער קריסטלאַכער קירך און גענומען באַפעהלען פון אים. און כדי צו אַנטוויקלען און אַנצוהאַלטען אַט די מאַכט האָבען די פאַרשטעהער פון דער קירך אָהן אויפהער געקלאַפּט אין די מוחות פון די באַפעלקערונגען פון אייראָפּא, אז אלע מוזען זיין אַבסאָלוט געהאָרכזאַם צו דער קירך און ערפילען אַלע אירע באַפעהלען אָהן איבערטראַכטונגען. ווייל אַזוי האָט גאָט די וועלט באַשאַפען, אַזוי איז גאָטס באַפעהל, אַזוי דאַרף עס זיין, אַזוי מוז עס זיין, און מען טאָר אפילו דעם געדאַנק ניט דערלאָזען אז עס קען אַנדערש זיין.

און צושפּרייט איבער דער קריסטלאַכער וועלט זיינען געווען די אידען. זיי זיינען ניט געווען אונטערטעניג דער קריסטלאַכער קירך, און דאָך האָבען זיי עקזיסטירט. האָט עס אריינגעבראַכט אַ דיסאַנאַנס. האָבען די פאַרשטע־הער פון דער קירך געזוכט צו באַאיינפלוסען זייערע פעלקער און דעם געדאַנק אַז די אידען זיינען אַ נידעריגערער פאָלק צו וועמען די ליכט פון אמת'ן גלויבען איז ניט דערגאַנגען, און אַז זיי זיינען פאַרשאָלטען פון גאָט אליין. פון צייט צו צייט, ווען דאָ אָדער דאָרטען איז אויפגעשוואומען א מעהר פאַנאַטישער אָדער פאַרביסענער פיהרער, האָט מען די אידען געיאָגט, געטריבען, געפייניגט און אפילו געברענט אויף שייטערהויפענס. געטאָן האָ־בען זיי עס, די פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע פיהרער, כדי צו געבען אויסדרוק צו זייער מענשען־האַס, ווייל מען האָט געקענט זיין אי גאָטספורכטיג, אי פרום לויט די באַגריפען פון יענער צייט, און ניט פייניגען די אידען. אָבער דער אויסרייד איז געווען, אַז זיי טוען דעם ווילען פון גאָט; און אזעלכע פיהרער האָבען זיך אפילו ארויפגעארבייט צו א העכערער שטופע פון רעס־פּעקט מצד דעם ברייטען עולם צוליעב זייער „העכערער פרומקייט". אָבער אפילו אין די רוהיגערע צייטען, ווען מען האָט די אידען ווייניגער פאַר־פאָלגט, האָט די פּראָפּאַגאַנדע געגען זיי זיך געצויגען איבער דער גאנצער לענג פון מיטעלאַלטער איבער דער גאַנצער קריסטלאַכער וועלט; אין אייניגע ערטער ווערט עס אפילו אָנגעהאַלטען נאָך איצטער. איז די שנאה צו די אידען, אמווייניגסטען דאָס קוקען אויף זיי פון אויבען אַראָפּ, געוואָרען א מין טייל אין דער פּראַקטיקע פון דער קריסטלאַכער רעליגיע. אין די ווייטערע דערפער פון דער וועלט און אין די פאַרוואָרפענע שטעטלאַך ווערט איר נאָך איצטער געפינען מיליאָנען פויערים און אַנדערע פרומע קריסטען, בפרט נאָך אזעלכע וואָס האָבען קיין אידען ניט געזעהען און מיט אים ניט

פאַרהאַנדעלט, וואָס שרעקען זיך פאַר׳ן נאָמען „איד״, ווי דאָס זאָל זיין אויב ניט דער שד אליין, איז אמווייניגסטענס א נאָהענטער קרוב זיינער.

פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף דעם אלעמען, האָט די אָנווענדונג פון אנטיסעמיטיזם אין אונזערע צייטען געקענט ניט פאַרקומען אויך, ווייל פונקט ווי עס איז פאַראַן א געפיהל פון מענשען האַס, און א פאַראורטייל געגען אידען אלס רעזולטאַט פון קריסטלאַכער פראָפּאַגאַנדע אין משך פון אזוי פיעל הונדערטער יאָהרען, זיינען פון דער צווייטער זייט פאַראַן מאַטע־ריעלע אינטערעסען, די געפיהלען פון יושר און גערעכטיקייט, און די מאָראַל און עטיק פון אונזער ציוויליזאַציע וואָס וועגען איבער די ערשטע מאָטיווען, באַלאַנסירען זיי און האַלטען זיי אין א גלייכגעוויכט. אבער דאָ, ווי אין דעם פאַל פון מלחמות, און ווי איבעראַל וואו איין גרופּע זאַכען אָדער אומשטענדען באַלאַנסירען אַ צווייטע גרופּע זאַכען און אומשטענדען, איז גענוג אַז עמיצער, וואָס איז אין דעם פערזענלאַך פאַראינטערעסירט, זאָל ארויפלייגען אַ פינגער אויף איין וואָג שאָל, און די שאָל וועט אַריבערוועגען אויף זיין זייט.

פונקט ווי עס זיינען פאַראַן גלוטאָניסטען (פרעסער) מיט שאַרפע, אָדער צורייצטע געפיהלען פון הונגער וואָס יאָגען זיך שטענדיג נאָך אסך און געשמאַקע מאַכלים צו זעטיגען און באַפרידיגען זייערע אַפּעטיטען; און פונקט ווי עס זיינען פאַראַן עראָטיקער, — מענשען מיט שאַרפע אָדער צור־רייצטע סעקסועלע געפיהלען וואָס עסען מיט די אויגען יעדע פאַרבייגע־הענדע פרוי און קענען זיך קיין מאָל ניט אָנזעטיגען; און פונקט ווי עס זיינען פאַראַן מענשען מיט שאַרפע אָדער צורייצטע געפיהלען פון עהרענ־גייציקייט, וואָס וואָלטען פון זיך דאָס לעצטע העמד אוועקגעגעבען, אָדער זיך ערנידערט, אָדער פאַרפיהרט קריגערייען און געשלעגען אין געיעג נאָך כבוד — אָט פונקט אזוי זיינען פאַראַן מענשען מיט שאַרפע און צורייצטע געפיהלען פון האַס וואָס זוכען שטענדיג אויף וועמען זייערע געפיהלען אויס־צודריקען. אידען שטעלען מיט זיך פאָר א באקוועמע ריכטונג און א זייט פון קלענסטען ווידערשטאַנד — ווערט די גרעסטע מאָס פון אַזאַ מענשען האַס אויסגעדריקט דורך אַנטיסעמיטיזם.

אָט איז אגב אַ פאַל וואָס כאַראַקטעריזירט אַן אויסדרוק פון מענשען האַס בכלל. אין ניו־יאָרק איז פאַראַן אַ שולע וואו מען לערנט קלאָהרען אויסדרוק און האַלטען עפענטלאַכע רעדעס (עלאָקיושאַן ענד פּאַבליק ספּיקינג). די שילער זיינען מעהר אָדער ווייניגער אינטעליגענטע יונגע מענער און

פרויען. איינע פון די איבונגען באַשטעהט אין דעם, וואָס א שילער שטעלט זיך אויף און האַלט אַ קורצע רעדע פון א 5־10 מינוט וועגען א פראַגע פון טאָג. דאָס איז געווען אָנהויב ווינטער 1936, ווען א שילערין האָט זיך דאַרטען אויפגעשטעלט און געהאַלטען א קורצע רעדע אין וועלכער זי האָט קריטיקירט דעם אופן ווי די פרויען ווערן באַהאַנדעלט אין דייטשלאַנד אונטער דעם נאַצי רעזשים. און כאָטש עס איז קענטיג געווען, אַז אלס פרוי איז איר ניט געפעהלען ווי מען באַהאַנדעלט דאַרטען די פרויען, אָבער גערעדט האָט זי מיט טאַקט און אָהן כעס. האָט זיך באַלד נאָך איר אויפגעהויבען אַ יונגערמאַן פון א יאָהר עטלאַכע און צוואַנציג, א הויכער, אַ שעהנער, אנשטענדיג געקליידעט מיט ראַפינירטע מאַנערן. כאַראַקטעריסטיש איז נאָר וואָס איין האַנט איז ביי אים געווען ניט קיין זיכערע, ווי זי זאָל זיין טיילווייז פּאַראַליזירט. ער איז געווען איינגעהאַלטען אויפגערעגט. מיט שטאָלץ האָט ער ערקלעהרט, אַז ער איז אַ דייטש, פון דייטשער אָפּשטאַמונג, כאָטש שוין דריי דורות אין אַמעריקאַ. ער האָט שטאַרק געלויבט די דייטשע פרויען און געזאָגט, אז זיי זיינען די פיינסטע און אנשטענדיגסטע אין דער וועלט, און ניט ווי די אויסגעלאַסענע אמעריקאַנער מיידלאך וואָס רויכערן סיגארעט־לאַך, פאַרבען די ליפּען און פיהרען ליבעס. און באַלד איז ער אריבערגע־שפּרונגען אויף פראַנקרייך, האָט ערקלעהרט, אז די פראַנצויזען זיינען די ערגסטע מענשען אין דער וועלט און אז מען האָט געדאַרפט אויסהרג׳ענען אַלע פראַנצויזען ביז איינעם, צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער, אז קיין איין נפש זאָל דאַרטען ניט בלייבען.

די לעצטע ווערטער האָט ער שוין גערעדט א בלייכער מיט שוים אויף די ליפּען. מעגלאַך, אז ווען ער וואָלט ניט געווען אַ מאַן מיט אזעלכע שוואַכע נערווען, ווי זיין אויפפיהרונג און זיין טיילווייז פּאַראַליזירטע האַנט האָבען אויף דעם אָנגעדייטעט, וואָלט ער ניט ארויסגעטראָטען אין דער עפענטלאַכ־קייט מיט אַזאַ רעדע, בפרט נאָך אין א קרייז וואו ער האָט ניט געקענט ערוואַרטען אסך מיטגעפיהל. אָבער די שנאה איז אין אים דאָ. ביי א פּאַסיגער געלעגענהייט וואָלט פון אים געקאָנט ווערן אַן ערשטקלאַסיגער אַנטיסעמיט, אויב ער שטיצט איצטער ניט אַנטיסעמיטישע טעטיקייטען.

אַזאַ פאַל איז אַ זעלטענהייט. עס איז אָבער גענוג צו פאַרמאָגען בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין געפיהל פון שנאה, אז מען זאָל ווערן א מעהר אָדער ווייניגער אקטיווער אַנטיסעמיט כדי צו באַפרידיגען דעם געפיהל פון האַס.

ביי אַן אַנדערן קען דער געפיהל פון מענשען האַס אין גאַנצען דרימלען און זיך אין קיין זאַך ניט אויסדריקען. אָבער אָט האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָן אַ אידען וואָס האָט אים אָפּגענאַרט, אדער אַנטוישט, אָדער באַשווינדעלט, אָדער באַליידיגט. טראַגט ער זיך איצטער אַרום מיט אַ געפיהל פון האַס צו אַלע אידען בכלל, און ער ווערט אַ מעהר אָדער ווייניגער אַקטיווער אַנטיסעמיט. עס איז אַ פאַקט, אַז אַ גאַר גרויסע צאָהל מענשען זיינען געוואָרען אַקטיווע אַנטיסעמיטען נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט איין איינציגען איד. דער ביבלישער פּראָטאָטיפּ פון אָט דעם מין אַנטיסעמיטען איז געווען המן וואָס האָט געוואָלט פאַרניכטען אַלע אידען בלויז דערפאַר, וואָס דער איין איד מרדכי האָט זיך פאַר אים ניט געבוקט. איך קען זיך ניט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז צו אָט דער קאַטעגאָריע אַנטיסעמיטען האָט באַלאַנגט העגרי פאָרד. וואָס איז שייך היטלערן — שטעל איך זיך פאָר, אַז ער מוז באַלאַנגען צוביידע קאַטעגאָריעס: אַ פּאַטאָלאָגישער מענשען־האַסער בכלל, אָבער זיין אַקטיווער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבען נאָך אַ צוזאַמענ־שטויס מיט איין איינציגען איד.

אָבער דער מעכטיגסטער פאַרשפּרייטער פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַ־גאַנדע און טעטיקייט זיינען די רעגירונגען און די איינפלוסרייכע שיכטען אין די לענדער וואָס זיינען הינטערשטעליג אין זייערע אינדוסטריעלע, עקאָ־נאָמישע און דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונגען. אין אַזעלכע לענדער ווערן די מאַסען פון פאָלק אַסך מעהר מאָל עקספּלאָאַטירט און אונטערדריקט ווי אין די מעהר פאָרטגעשריטענע לענדער. זאַמעלט זיך אין דעם פאָלק אָן אומצו־פרידענקייט און אַ צאָרן. ערמוטיגען די רעגירונגען אין אַזעלכע לענדער אַנטיסעמיטישע טעטיקייט אלס אַ ריכטונג אין וועלכער דער צאָרן פון פאָלק זאָל זיך אויסדריקען. ניט די רעגירונג און ניט די מאַכטהאָבער זיינען שול־דיג אין די נויטען און ליידען פון פאָלק, נאָר די אידען. אַזוי איז עס געווען אין צאַרישען רוסלאַנד, אַזוי איז עס איצטער אין פוילען, אין רומעניע און אין אַנדערע לענדער.

קיין רעאַלע נוצען ברענגט עס זיי ניט אפילו ניט פון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט. ווען עס קומט אַ פאַסיגער מאָמענט — ברעכט אויס אַ רעוואָ־לוציע, צי עס זיינען דאָ אידען אָדער ניט. אָבער זיי, די רעגירער און די מאַכטהאָבער, דאַכט זיך, אַז מיט רייצען געגען די אידען וועגדען זיי אָפּ אָן אַ זייט די אומצופרידענקייט פון פאָלק. ערמוטיגען זיי אַנטיסעמיטיזם, בפרט נאָך וואָס עס פאָדערט ניט קיין באַזונדער אָנשטרענגונג. אַלץ וואָס מען דאַרף נאָר איז ניט שטערן, און אַמאָל אַביסעלע ערמוטיגען. דאָס

איבעריגע קומט פאַר פון זיך אליין. מענשען וואָס טראָגען זיך אַרום מיט האַס בכלל, און געגען אידען בפרט זיינען דאָ געגוג, קען מען שטענדיג געפינען בעלנים וואָס זאָלען קויפען און לייענען אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור. און די, וואָס פראָדוצירען די סחורה; די פאַרפאַסער און די אַרויסגעבער פון דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, זיינען ניט נויטווענדיג אליין אנטי־סעמיטען, זיי זיינען בלויז די פראָדוצירער פון א סחורה אויף וועלכער עס איז דאָ אַ געוויסע נאָכפראַגע און אויף וועלכער מען קען מאכען פראָפיט.

דאָ איז נאָך כדאי צו באַמערקען אזא ערשיינונג: לויט זייערע סאָציאלע שטעלונגען און באַציהונגען קען מען מענשען צוטיילען אויף די פאָלגענדע צוויי קאַטעגאָריעס: ליבעראלען פון פארשידענע שאַטירונגען, ראַדיקאלען אריינגערעכענט; און רעאַקציאָנערן, אויך פון פאַרשידענע שאַטירונגען. ליבע־ראַלען זיינען פאַר מעהר פרייהייטען, גלייכהייטען און גערעכטיקייט פאר די ברייטע מאַסען פון פאָלק, און די רעאַקציאָנערן זיינען געגען דעם. די רעאַק־ציאָנערן פאַרלאַנגען, אַז די ברייטע מאַסען פון פאָלק זאָלען אונטערטעניג און אָהן פראָטעסט שאַפען דעם גאַנצען מאַטעריעלען וואוילזיין פון לאַנד און בלויז פאַר די אינטערעסען פון די רייכע און מעכטיגע. ווען איינער טרעט ארויס געגען א מיטעל אָדער געזעצגעבונג לטובות די ברייטע מאַסען פון פאָלק, רופט מען אים „רעאַקציאָנער". איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס רעאַקציע געהט שטענדיג און אַלע מאָל האַנט אין האַנט מיט אַנטיסעמיטיזם; אנטיסעמיטיזם איז איינער פון די אַויסדרוקען פון רעאַקציע. אויב איינער איז א רעאַקציאָנער איז ער, געוועהנליך, אין דער זעלבער צייט אויך אַן אַנטיסעמיט. איז דאָס איינער פון די פילע באַווייזען, אז דער קוואַל פון אַנטיסעמיטיזם ליגט ניט אין יענעם, אויף וועמען עס ווערט אָנגעווענדעט, נאָר אין דעם כאַראַקטער, אין די געפיהלען, פון יענעם וואָס ווענדעט עס אָן, אָדער דריקט עס אויס.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך די לאַגע דאָ אין אַמעריקאַ. אלס מענשען און אלס קריסטען איז די באַפעלקערונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען באַ־רעכטיגט צו א געוויסער מאָס אנטיסעמיטיזם. אָבער דאָס לאַנד איז איינע פון די דעמאָקראטישסטע אין דער וועלט; אינדוסטריעל איז זי הויך אנט־וויקעלט; פאַרהעלטעניסמעסיג לעבען דאָ מענשען בעסער און צופרידענער ווי אין אַנדערע לענדער. דערצו האָבען מיר דאָ א צוועלף מיליאָן נעגערס וואָס ציהען צו זיך אָפּ א היבשע מאָס ראַסען־האַס; און דאָ זיינען שטענדיג פאַראַן אַסך „גרינע" אימיגראַנטען וואָס ציהען צו זיך אָפּ א טייל חוזק צום „פרעמדען",—ווערט דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם דאָ אויסגעדריקט בלויז אין

דעם, וואָס מען לאָזט ניט אריין קיין אידען אין געוויסע קלובען, האָטעלען און אַפּאַרטמענט הייזער ; מען באַגרעניצט זייער צאָהל אין געוויסע קאלע־דזשעס און אוניווערסיטעטען, און מען נעמט זיי ניט אריין אין געוויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אָבער קיין אָפענער אַנטיסעמיטיזם איז דאָ ניטאָ, און צו קיין פּאָגראָמען איז דאָ אָך ניט געקומען. און טאָמער ערשיינט דאָ אָדער דאָרטען אַמאָל אן אַנטיסעמיטישע בלעטעל, ווערט עס פון עמיצען פינאַנסירט. אזוי צ. ב. ש. האָט דער מולטי־מיליאָנער הענרי פאָרד יאָהרען לאַנג ארויסגעגעבען אן אויסגעשפּראָכען אַנטיסעמיטיש בלעטעל. אָבער ארויס־געבען דאָ אן אַנטיסעמיטישען בוך אָדער פעריאָדישע אויסגאַבע אלס א געשעפטס־אונטערנעמונג קען מען ניט, ווייל עס וועט ניט געפינען גענוג לייענער און עס וועט זיך ניט באצאָהלען.

און בכלל : זאָגט מיר ווי הינטערשטעליג איר זיינט אין דער אינדוסט־ריעלער, עקאָנאָמישער און דעמאָקראטישער אנטוויקלונג, וועל איך אייך זאָגען ווי שטאַרק דער אַנטיסעמיטיזם איז ביי אייך אין לאַנד.

8.

אָבער וואָס זיינען די געפיהלען וואָס קאָנטראָלירען אונזערע האנדלונגען און אויפפיהרונגען און אָפטמאָל צווינגען זיי אונז צו האַנדלען געגען אונזערע אייגענע אינטערעסען? פון וואַנען נעמען זיי זיך? און — צו וואָס דאַרף מען זיי?

אייניגע געפיהלען זיינען אַזעלכע, אַז אָהן זיי וואָלטען מיר ניט געקענט עקזיסטירען. ווען מענשען וואָלטען ניט געהאַט דעם געפיהל פון הונגער — וואָלטען זיי ניט געגעסען און וואָלטען אויסגעשטאָרבען. ווען מענשען וואָלטען ניט געהאַט דעם געפיהל פון געשלעכטלאכען הונגער — וואָלטען זיי זיך ניט געפּאָרט, און קיין קינדער וואָלטען ניט געבאָרען געוואָרען. ווען עס וואָלט ניט געווען דער געפיהל פון מוטער־ליבע — וואָלטען דאָס רוב קינדער ניט אויסגעוואַקסען.

אַנדערע געפיהלען זיינען אזעלכע, וואָס אָהן זיי וואָלט מען אויך געקענט עקזיסטירען; עס שאַדט אָבער ניט ווען זיי זיינען דאָ, בפרט נאָך וואָס זיי פאַרזיסען דאָס לעבען. אַזאַ געפיהל א שטייגער איז ראָמאַנטישע ליבע, ניט אריינגערעכענט אָהער דעם געשלעכטלאַכען מאָטיוו.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן געפיהלען שעדלאַכע. אָהער באַלאַנגען די געפיהלען פון אייפערזוכט, האַס, נקמה, באַזיץ, קאָמפּלסלוסטיקייט און אנדערע. זיי זיינען אָבער דאָ, און מיר מוזען זיך מיט זיי האַלטען.

לעבען אַ גרויסען סקלאַד מיט ווערטפולע סחורות האָט מען אוועקגע־שטעלט א ליימענעם גולם, מען האָט אים געגעבען א ביקס אין האַנט און אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל קיין פרעמדע ניט צולאָזען. זינט דאַן זיינען פאַריבער אַסך יאָהרען. די סחורות פון יענעם סקלאַד האָט מען שוין לאַנג ארויסגע־פיהרט, דעם סקלאַד אליין האָט מען שוין לאַנג פאַנאַנדערגענומען און אויף זיין פלאַץ אוועקגעשטעלט א טעמפּעל. אָבער דער ליימענער גולם שטעהט נאָך אַלץ אויף זיין פלאַץ מיט'ן ביקס אין האַנט און לאָזט קיינעם ניט צו.

דאָס זעלבע איז מיט אָט די געפיהלען. עס איז געווען א צייט ווען מענשען זיינען נאָך געווען האַלב חיות און גאַנצע חיות, ווען זיי האָבען געדאַרפט האָבען אָט די אַלע געפיהלען פון חשד, האַס, קריגערישקייט און אַנדערע אַלס מיטלען אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. אָבער זינט דאַן זיינען שוין אַסך יאָהרען פאַריבער. פאַר דער צייט האָט זיך דער מענשלאַכער מאַרך אַנטוויקעלט צו א הויכער שטופע און זיך אָנגענומען מיט אַסך ערפאַה־רונגען; און איצטער ווייסט דער מענש אַז עס וואָלט זיך אים געלעבט רוהיגער, זיכערער און באקוועמער אָהן אָט די געפיהלען. פאַרקערט: זיי זיינען נאָך א שטערונג אין לעבען. אָבער די געפיהלען זיינען דאָ. ער האָט זיי איבערגענומען בירושה פון די אַמאָליגע צייטען. ניט די געפיהלען גופא האָט ער איבערגענומען בירושה, נאָר יענע אָרגאַנען וואָס פּראָדוצירען די געפיהלען.

געפיהלען זיינען ניט קיין אַבסטראַקציע; עס איז ניט קיין „גייסטיקייט". די געפיהלען אונזערע זיינען דער אויסדרוק פון די טעטיקייטען פון אייניגע אָרגאַנען וואָס מיר טראָגען שטענדיג ארום מיט זיך אין אונזערע קערפּערס.

אין אונזערע קערפּערס זיינען פאַראַן אַזעלכע אָרגאַנען וואָס ווערן אָנגערופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען ד ר י ז ע ן. זיי פּראָדוצירען פאַרשידענע כעמישע פליסיקייטען. זיינען זיי פון צוויי הויפּט מינים. איין מין דריזען איז אַזאַ, וואָס די פליסיקייטען וואָס זיי פּראָדוצירען געהן ארויס אין דרויסען. אַהער באַלאַנגען די דריזען וואָס פּראָדוצירען שווייס, שפּייעכץ, טרעהרען, מילך און אַנדערע. און דער צווייטער מין דריזען איז אַזאַ, וואָס די פליסיקייטען וואָס זיי פּראָדוצירען פליסען דירעקט אין די בלוטען און צושפּרייטען זיך איבער דעם גאַנצען קערפּער.

אָט דעם צווייטען מין רופען מיר מיט דעם אלגעמיינעם נאָמען „אינער־לאָכע דריזען, אָדער „ע נ ד אָ ק ר י נ ע ן", און די לעהרע וועגען זיי רופען מיר „ענדאָקרינאַלאָגיע". די פליסיקייטען וואָס זיי פּראָדוצירען רופען מיר מיט דעם אלגעמיינעם נאָמען „ה אָ ר מ אָ נ ע ן". דאָס זיינען די אַלגעמיינע נעמען, ווייל יעדער דריז באַזונדער און יעדער האָרמאָן באַזונדער האָט זיך זיין אייגענעם נאָמען. און אַזוי ווי דאָ רעדען מיר בלויז וועגען די אינערלאָכע דריזען, וועלען מיר זיי אָנרופען בלויז דריזען. די אַנאַטאָמישע, מעדיצינישע און אַנדערע טערמינען וועלען מיר געברויכען אַזוי, ווי מען רופט זיי אָן אין ענגליש.

די האָרמאָנען, וואָס די דריזען פּראָדוצירען, קאָנטראָלירען אין דעם מענעשען: זיין וואוקס, זיין וואָג, זיין אויסזעהען, די פאָרמען פון זיינע באַזונדערע גלידער און אָרגאַנען, זיין מאַרך, זיין פעהיקייט צו דענקען, זיין טעמפּעראַמענט, זיינע נייגונגען, זיינע פעהיקייטען, זיינע געפיהלען, זיינע האַנדלונגען און זיינע אויפפיהרוגען. יעדער מענש איז אַזאַ, ווי זיינע דריזען און האָרמאָנען מאַכען אים. ענדערט זיינע דריזען, אָדער שפּריצט אין אים אריין פאַרטיגע האָרמאנען — און איר ענדערט דעם גאַנצען מענשען, אי זיין קערפּערלאַכען אויסזעהען, אי זיין גייסטיגע פיזיאָגנאָמיע.

גוט און וואויל איז יענעם מענשען ביי וועמען די דריזען זיינען נאָרמאַלע, און זיי פונקציאָנירען נאָרמאַל און זיי פּראָדוצירען די האָרמאָנען פונקט אין דער מאָס וויפיעל עס איז נויטיג פאַר אַ נאָרמאַלען לעבען. און טאָמער טרעפט זיך אז א דריז ווערט קראַנקהאַפט, אָדער הויבט אָן פונקציאָנירען ניט נאָרמאַל, און ער פּראָדוצירט זיין האָרמאָן אַביסעלע צופיעל, אָדער אביסעלע צו ווייניג ווי מען דאַרף — ווערט דער מענש א קערפּערלאַכער אָדער גייסטיגער קריפּעל.

דאָ וועלען מיר באַטראַכטען אייניגע פון די דריזען און די ראָלע וואָס זיי שפּילען אין אונזערע קערפּערס.

איינער פון זיי איז דער ט י ר אָ א י ד. ער געפינט זיך אין האַלז אין פאָרענט פון גאָרגעל. אַ גאָידער איז א געשלאָווענער טיראָאיד, און דאָס צייגט אָן וואו ער געפינט זיך. דער האָרמאָן וואָס ער פּראָדוצירט, רופט זיך ט י ר אָ ק ס י ן, — טאַקע נאָך אים אליין א נאָמען. און די אויפגאַבע זיינע איז צו קאָנטראָלירען די טעמפּאָ פון די לעבענס פּראָצעסען אין דעם קערפּער.

ווען דער דריז פּראָדוצירט זיין האָרמאָן אין א נאָרמאַלער מאָס — איז די טעמפּאָ פון לעבען אַ נאָרמאַלע. און ווען ער פּראָדוצירט דעם האָרמאָן עטוואָס מעהר ווי מען דאַרף — געהט אָן די טעמפּאָ פון לעבען זעהר האַסטיג. מען לעבט ניט, נאָר מען ברענט. מען קען אויף קיין אָרט ניט איינזיצען. רק מען איז פאַרנומען, אויפגערעגט און באַשעפטיגט. מען שרייבט בריעף; מען דיקטירט בריעף; מען רעדט אויפ'ן טעלעפאָן; און קוים געענדיגט רעדען מיט איינעם — כאַפּט מען זיך שוין רעדען צו א צווייטען. מען לויפט זיך זעהען מיט עמיצען, און פאַרביילויפענדיג אַראַנזשירט מען צו זעהען זיך נאָך מיט עמיצען. און אלץ אויף דער גיך, אין געאייל. מען

שרייט, מען קאָמאַנדעוועט, מען האָט קיין צייט ניט און מען איז אומגעדולדיג. דאָס הארץ קלאַפּט האַסטיג און אָפט ניט נאָרמאַל. מען שלאָפט ווייניג, און אין בעט האַלט מען זיך אין איין ארומוואַרפען. מען עסט אסך און מען ווערט ניט פעט, ווייל דאָס בלוט קאָכט און די פעטקייט ווערט איבערגע־ברענט איידער עס זאַמעלט זיך אָן. מען איז עראַטיש צורייצט. אַמאָל סטאַרטשען די אויגען ארויס פון קאָפּ ווי זיי זאָלען וועלען פון דאָרטען אַרויסשפּרינגען.

עס איז ניט נויטווענדיג אַז די אלע סמנים זאָלען זיך אויסדריקען ביים זעלבען מענשען אין דער זעלבער צייט; עס קען אָננעמען פאַרשידענע פאָרמען און אויסדרוקען לויט פאַרשידענע אומשטענדען. און פארקעהרט אויך: מען קען זיין האַסטיג אין באַוועגונגען, אומרוהיג און נערוועז ניט דוקה פון א צו שטאַרקער טעטיקייט פון דעם טיראָאיד. אָבער גענומען אין אַלגעמיין איז דער כלל אַזאַ, אַז ווען דער טיראָאיד דריז איז צו שטאַרק טעטיג און פראָדוצירט זיין האָרמאָן מעהר ווי נאָרמאַל, ווערט די טעמפּאָ פון לעבען און אויפפיהרונגען שטאַרק פאַרשנעלערט.

און ווען דער זעלבער דריז פּראָדוצירט זיין פליסיקייט ווייניגער ווי נאָרמאַל איז די טעמפּאָ פון לעבען א לאַנגזאַמע: ניט מען לעבט — נאָר קוים וואָס מען קריכט. מען איז גענויגט צו ווערן פעט. דער פּולס איז אַ שוואַכער; די דרוק פון בלוט איז אַ נידעריגע; די הויט איז ווייס און קאַלט. מען געהט לאַנגזאַם, מען טראַכט לאַנגזאַם, מען באַוועגט זיך לאַנגזאַם. מען איז אַפּאַטיש, און גלייכגילטיג, אָהן חשק, אָהן גלוסטונגען, אָהן סעקסועלע פאַרלאַנגען. אַזאַ צושטאַנד רופט מען „מיקסאָדימיאַ״, און מיט פרויען טרעפט עס אסך אָפטער ווי מיט מענער.

ווען דאָס טרעפט מיט א ניי־געבוירען קינד — וואַקסט עס אַלס א קרעטין און אידיאָט. דער קאָפּ איז גרויס, דער פּנים איז קיילעכדיג, דער מויל איז פול מיט צונג, און אַמאָל שטעקט דער צונג ארויס פון מויל. דער בויך איז גרויס, די הענט און די פיס זיינען קורץ, דיק און פארקיילעכדיגט. די הויט איז ווייס, טרוקען און קאַלט. דעם ערשטען יאָהר אָדער מעהר קען עס דעם קאָפּ גלייך ניט האַלטען, און דערנאָך געדויערט יאָהרען איידער עס הויבט אָן צו געהן. דער פּנים האָט אַ כאַראַקטעריסטיש אידיאָטישען אויס־דרוק, און קוים וואָס עס לערנט זיך אויס צו רעדען עטלאַכע ווערטער.

אין די פריהערדיגע יאָהרען זיינען די פאַלען פון מיקסאָדימיאַ און קרעטיניזם געווען פאַרלאָרענע. קיין מיטלען זיינען געגען דעם ניט געווען. און איצטער איז געגען דעם פאַראַן א מיטעל. אַזוי וויביידע פאַלען זיינען

דירעקטע רעזולטאַטען פון אַ מאַנגעל אין טיראַקסין, גיט מען איצטער איין אַזעלכע פּאַציענטען פּאַרטיגען טיראַקסין וואָס מען נעמט ארויס פון די באַטרעפענדע דריזען פון שעפסען, חזירים אָדער אַנדערע חיות. און עס ווירקט ווי א כשוף. דער קרעטין הויבט אָן וואַקסען נאָרמאַל. ער קען אויסוואַקסען צו זיין פולען וואוקס און דורכמאַכען א סקול. ער וועט אפשר קיין גרויסער חכם ניט זיין, אָבער נאָרמאַל וועט ער אויסוואַקסען און זיין אומאָפּהענגיג פון אַנדערע. דאָס זעלבע איז אויך מיט ערוואַקסענע וואָס ווערן אַנגעגריפּען פון אַ מאַנגעל אין טיראָקסין. זיי קענען אויך ווערן פולשטענדיג נאָרמאַל, און אַזוי קענען זיי אויסלעבען זייערע פולע יאָהרען. אָבער פרישען טיראָקסין מוז מען זיי שטענדיג איינגעבען, אַנדערש הויבען זיי אָן גהען אויף צוריק. איצטער דאַרף מען שוין ניט אָנקומען ניט צו שעפסען, און ניט צו חזירים און ניט צו אַנדערע חיות: מען מאַכט דעם טיראַקסין אויף א קינסטלאַכען אופן אין לאַבאָראַטאָריעס.

א צווייטער דריז איז דער פ י ט י א ו ט א ר י. עס איז א קליין קערפּערל, גרויס ווי אַ בעבעל און געפינט זיך אין קאָפּ אונטער דעם מאַרך. הויפּזעכלאך קאָנטראָלירט ער די וואוקס פון דעם מענשען. ווען ער פּראָדוצירט ניט גענוג פון זיין האָרמאָן קען דער מענש אויסוואַקסען צו א הויך פון וועלכע דריי־פיער פוס, און אַמאָל נאָך נידעריגער. און ווען ער פּראָדוצירט זיין האָרמאָן מעהר ווי מען דאַרף — קען דער מענש אויסוואָקסען צו אַ הויך פון זיבען־אַכט פוס און העכער. די אַלע ליליפּוטען, אָדער קליינע מענשעלאך, און די ריזען וואָס מען זעהט אין די צירקען און אין די „שאָוס" פון קוני־איילאַנד און אַנדערע אזעלכע פּלעצער זיינען קרבנות פון די ניט נאָרמאַלע פונקציעס פון זייערע פּיטיאוטאָרי דריזען.

נאָך אַ האָרמאָן וואָס דער זעלבער דריז פּראָדוצירט ווערט אנגערופען „פּראָלאָקטין". דאָס איז דער האָרמאָן פון מוטער־ליבע.

אַזוי לאַנג ווי א פרוי וואַקסט, ווערט רייף האָט חתונה, אָבער קיין קינד האָט זי נאָך ניט, זיינען די בריסטען אירע טרוקען; די דריזען אין די בריסטען פּראָדוצירען ניט קיין מילך. אָבער ווי נאָר זי האָט א קינד ווערן אירע בריסטען באַלד אָנגעפּילט מיט מילך, אין וועלכען זי נויטיגט זיך איצטער אַזוי שטאַרק צו שפּייזען דאָס קינד. דאָס איז א מערקווירדיגע ענדערונג וואָס קומט פאָר אין די קערפּערס פון מענשען און פון די מילך זויגענדע חיות. און נאָך אַן ענדערונג קומט אין איר פאָר: עס האָט זיך

אין איר ערוועקט א נייער געפיהל, דער געפיהל פון מוטער־ליבע. די גאַנצע אויפמערקזאמקייט אירע און אַלע אירע אינטערעסען זיינען איצטער קאָנ־צענטרירט אויפ׳ן קינד. דער געדאַנק אליין אז עפעס קען מיט׳ן קינד פּאַ־סירען וואַרפט אויף איר אַן אַ שרעק. און זאָל דאָס נויטיג זיין איז זי גרייט אוועקצוגעבען איר לעבען פאר׳ן קינד, כאָטש דאָס אייגען לעבען ווערט באַטראַכט אלס דאָס וויכטיגסטע און דאָס טייערסטע וואָס א מענש פאר־מאָגט.

אָט די דאָפּעלטע ענדערונג איז אין איר פאָרגעקומען דערפאַר וואָס באַלד נאָך דעם ווי זי האָט דאָס קינד געבאָרען, האָט דער פּיטיאוטאָרי דריז אירער אָנגעהויבען פּראָדוצירען און פאַרשפּרייטען איבער׳ן קערפּער דעם פּראָלאַקטין. ווען מען זאָל אַ פאַרטיגען פּראָלאַקטין אריינשפּריצען אין קערפּער פון א יונגער פרוי וואָס האָט נאָך קיין מאַן ניט געהאַט, וועט זי זיך אָנהויבען אויפפיהרען ווי זי זאָל האָבען געבוירען א קינד. אויף קיין מענשען האָט מען נאָך אַזעלכע עקספּערימענטען ניט דורכגעפיהרט, אָבער אויף אייניגע חיות און פויגלען האָט מען אַזעלכע עקספּערימענטען געמאַכט, און זעהר אינטערעסאַנטע רעזולטאַטען זיינען דערביי דערגרייכט געוואָרען.

מען האָט גענומען אַ יונגע טויב, אַ „זי״, וואָס איז נאָך אפילו געשלעכט־לאָך רייף ניט געווען, און מען האָט אין איר איינגעשפּריצט דעם פּראָלאַקטין, האָט זי אָנגעהויבען וואָרקען און זיך צוגרייטען אַ נעסט, און בכלל זיך אויפגעפיהרט אזוי ווי זי זאָל דארפען באַלד מוטער ווערן. מען האָט גענומען יונגע מייזלאַך, אויך פון פרויען געשלעכט, און אויך געשלעכטלאַך נאָך ניט רייפע און איינגעשפּריצט אין זיי דעם פּראָלאַקטין, האָבען זיך די בריסטען ביי זיי אָנגעפילט, און די מייזלאַך האָבען אָנגעהויבען ארויסצייגען א מערק־ווירדיגע מוטערלאַכע איבערגעגעבענהייט צו פרעמדע קינדער פון זייער גרופּע, כאָטש געוועהנליך זיינען חיות בכלל, מייזלאַך אריינגערעכענט, זעהר גלייכגילטיג צו פרעמדע קינדער.

דער פּיטיאוטאָרי דריז ווערט אויך באַטראַכט אַלס אַ מין צענטראַלער אָרגאַן אין קערפּער, א מין דיקטאַטאָר, ווייל ער האָט געוויסע ווירקונגען אויף אַנדערע אינערלאַכע דריזען. ווען ער הויבט אָן פונקציאָנירען ניט נאָרמאַל קען עס זיך אָפּרופען ניט נאָר אויף דעם וואוקס פון קערפּער, נאָר אויך אויף אַנדערע קערפּערלאַכע און גייסטיגע אייגענשאַפטען פון דער באַטרעפענדער פערזאָן — אייגענשאַפטען וואָס ווערן געוועהנלאך קאָנטראָ־לירט פון אנדערע דריזען.

נאָך א דריז איז פון ג ע ש ל ע כ ט. אזעלכע זיינען פאַראַן צוויי מינים: דער דריז פון מענלאַכען געשלעכט און דער דריז פון ווייבלאַכען געשלעכט. זיי הויבען אָן פונקציאָנירען אין די ערשטע מאָמענטען ווען דער קערפּער הויבט זיך אָן פאָרמירען אין קערפּער פון מוטער, און זיי באַשטימען עס וואָס עס זאָל זיך פאָרמירען: א אינגעל אָדער א מיידעל.

מען האָט גענומען אייער פון הינער, און איידער מען האָט זיי אוועקגעלייגט אויסצובריהען, האָט מען אין זיי ארייַנגעשפּריצט פּאַרטיגע געשלעכט האָרמאָנען. פון יענע אייער, אין וועלכע מען האָט ארייַנגעשפּריצט דעם האָרמאָן פון מענלאַכע דריזען, האָבען זיך אויסגעבריהט הענער; און פון יענע אייער, אין וועלכע מען האָט ארייַנגעשפּריצט האָרמאָנען פון פרויען דריזען, האָבען זיך אויסגעבריהט הינער.

אַ מאַן און אַ פרוי אונטערשידען זיך ניט נאָר מיט זייערע געשלעכט אָרגאַנען, נאָר אויך מיט אַנדערע קערפּערלאַכע און גייסטיגע פאָרמען און אייגענשאַפטען. דער מאַן איז אין דורכשניט העכער פאַר דער פרוי, ברייטער און שווערער אין וואָג. ער האָט א באָרד, און די פרוי האָט ניט קיין באָרד. די פרוי האָט בריסטען און דער מאַן האָט עס ניט. ביי דער פרוי זיינען די היפטען פּראָפּאָרציאָנעל ברייטער ווי ביי דעם מאַן. די שטימע איז ביי דער פרוי דינער און איר הויט איז איידעלער און צאַרטער ווי ביי דעם מאַן. דער מאַן איז מעהר אַגרעסיוו, ער וועט זיך גיכער וואַרפען שלאָגען, ווי די פרוי. דעם גרעסטען טייל פון איר לעבען האָט די פרוי פּעריאָדישע מענסטרואַציעס וואָס ערשיטערן זי ביז א געוויסען גראַד, און דער מאַן האָט עס ניט. און אָט די אַלע סמנים און אייגענשאַפטען, מיט וועלכע די פאַרשטעהער פוןביידע געשלעכטען אונטערשידען זיך איינער פון צווייטען, ווערן באַשטימט פון זייערע געשלעכט דריזען. דער מאַן איז דערפאַר א מאַן, ווייל זיין קערפּער ווערט קאָנטראָלירט און באַשטימט פון די דריזען פון מענלאַכען געשלעכט; און די פרוי איז דערפאַר א פרוי, ווייל איר קערפּער ווערט באַשטימט און קאָנטראָלירט פון די דריזען פון ווייבלאַכען געשלעכט.

מען האָט גענומען יונגע חיות און פויגלען און איבערגעפלאנצט די געשלעכט דריזען פון איינעם אין צווייטען, האָבען זיך די ראָלען געביטען: חיות און פויגלען וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אלס מענער, האָבען גע־קראָגען דעם אויסזעהען פון פרויען; און די וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אלס פרויען האָבען אָנגעהויבען אויסזעהען ווי מענער. אין דעם נאַטור היסטאָרישען מוזעי פון ניו יאָרק, אין דעם דאַרווין האָל, זיינען אויסגע־

שטעלט הינער, הענער און קאַטשקעס אויף וועלכע מען האָט אַזעלכע עקס־פּערימענטען דורכגעפיהרט.

און ווי אין דעם פאַל פון אַלע אַנדערע דריזען באַנוגענען זיך ניט די דריזען פון געשלעכט מיט זייערע ספּעציפישע טעטיקייטען. זיי האָבען אויך אַ ווירקונג אויף אנדערע דריזען און אָרגאַנען וואָס ערפילען אַנדערע פונקציעס אין קערפּער. אזוי צ. ב. ש. — ווען דער געשלעכט דריז ווערט אָפּגעשוואַכט רופט עס זיך אָפּ אויף דער אַלגעמיינער מאָס ענערגיע וואָס דער קערפּער פּראָדוצירט און אויף דער גאַנצער טעמפּאָ פון לעבען. מען ווערט פריהצייטיג פאַרעלטערט; מען זעהט אויס עלטער ווי די יאָהרען; מען האָט ניט קיין כח, קיין חשק, קיין אונטערנעמונגס גייסט. אָבער אין אַזאַ מאַן קען מען איבערפלאַנצען די באַטרעפענדע דריזען פון א יונגער חיה, און ער ווערט צוריק אויפגעלעבט: ער זעהט אויס אינגער, דער רוקען גלייכט זיך אויס, ער קריגט מעהר חשק, ווערט מעהר אקטיוו און ווערט געשלעכטלאַך באַנייט. אויף אָט דער מעגלאכקייט איבערצופלאַנצען געשלעכט דריזען פון איין אָרגאַניזם אין א צווייטען איז געבויט די פּראַקטיקע פון „רעדזשיוויניישאָן", ד. ה. מאַכען פון אַלט יונג. אזעלכע אָפּעראַציעס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען אי אויף עלטערע מענשען אי אויף עלטערע היימישע חיות, און די רעזולטאַטען זיינען געווען מערקווירדיגע. עס האַלט טאַקע לאַנג ניט אָן, און דעריבער האָט עס ניט יענע פּראַקטישע באַדייטונג, ווי מען האָט פון אָנהויב געמיינט. אָבער פון דעם פיזיאָלאָגישען שטאַנדפּונקט איז עס זעהר וויכטיג.

נאָך אַ דריז איז דער אַ ד ר ע נ אַ ל. אין יעדען קערפּער זיינען פאַראַן צוויי אַדרענאַלס: איינער צוגעקלעפּט צו דער ניר פון דער רעכטער זייט, און דער צווייטער איז צוגעקלעפּט צו דער ניר פון דער לינקער זייט. דעריבער רעדט מען ווענען זיי אין מעהר צאָהל: די אַדרענאַלס, און ניט דער אַדרענאַל.

יעדער אַדרענאַל באַשטעהט פון צוויי טיילען, — אַן אויסערלאַכען און אַן אינערלאַכען. דעם אויסערלאַכען טייל רופט מען „קאָרטעקס", און זיין האָרמאָן רופט מען ק אָ ר ט י ן; און דעם אינערלאַכען טייל רופט מען מ ע ד ו ל אַ. און זיין האָרמאָן רופט מען אַ ד ר ע נ אַ ל י ן.

דער אויסערלאַכער טייל פון דעם אַדרענאַל, דער קאָרטעקס, קאָנטראָלירט די געשלעכטלאַכע אויפפיהרונגען פון דעם מענשען און זיינע קריגע־

רישע שטימונגען און אויפפיהרונגען. קאָמפּלוסטיקייט, וועגען וועלכער מיר האָבען פריהער גערעדט, שטאַמט פון דעם קאָרטעקס, די אויסערלאַכע טיילען פון די אדרענאלס. די חיות, וואָס זיינען מעהר קריגעריש געשטימט, וואָס זיינען שטענדיג גרייט יענעם צו אַטאַקירען, אָדער שטעלען זיך אַנטקעגען ניט קיין גלייכען שונא, האָבען גרעסערע קאָרטעקסען ווי חיות פרידלאַכע. אַ קאַץ האָט אַ באַדייטענד גרעסערן קאָרטעקס ווי אַ האָז. ווילדע חיות האָבען גרעסערע קאָרטעקסען ווי חיות היימישע פון זעלבען מין: דער קאָר־טעקס ביי אַ וואָלף איז גרעסער ווי ביי דעם הונט. דער מענש האָט דעם גרעסטען קאָרטעקס פון אַלע לעבעדיגע אָרגאַניזמען.

ווען דער קאָרטעקס ווערט קראַנקהאַפט און הויבט אָן פונקציאָנירען ניט נאָרמאַל קענען אין דעם קערפּער פאָרקומען פארשידענע ענדערונגען. וואָס פאַר אַ פאָרם די ענדערונג וועט אַננעמען ווענדעט זיך אָן דעם צו וועלכער שטופע דער קאָרטעקס פונקציאָנירט ניט נאָרמאַל, און אין וועלכען פעריאָד פון לעבען עס קומט פאָר.

ווען עס קומט פאָר אין אַ קינד איידער עס איז געבוירען געוואָרען, קען דאָס קינד קומען אויף דער וועלט אלס אַ „הערמאַפראָדיט", — אַן אָרגאַ־ניזם מיט אַ דאָפּעלטען געשלעכט, אָדער מיט אַן אומבאַשטימטען געשלעכט. דאָס קינד ווערט ערצויגען אלס אַ מיידעל, און דערנאָך צייגט זיך ארויס אַז עס איז אַ אינגעל; אָדער עס ווערט ערצויגען אלס אַ אינגעל, און דערנאָך צייגט זיך אַרויס אַז דאָס איז אַ מיידעל. אַמאָל איז די לאַגע אַזוי אומבאַ־שטימט אַז מען איז ניט זיכער צי דאָס איז אַ אינגעל אָדער אַ מיידעל.

ווען די ענדערונג אין דעם קאָרטעקס קומט פאָר אַ צייט נאָך דער געבורט, אָבער עס איז נאָך אַלץ אַ קינד, קען מיט'ן קינד פאָרקומען אַ מערק־ווירדיגע פארשנעלערונג פון זיין קערפּערלאַכער און גייסטיגער רייפקייט. אַ אינגעל פון 5־6 יאָהר קען אויסוואַקסען צו אַ הויך פון אַ 15־16 יאָהריגען בחור. זיין געשלעכט אָרגאַן איז אַנטוויקעלט ווי ביי אַן ערוואַקסענעם, פאַר־וואַקסען מיט האָר און ער איז רייף פאַר אַ געשלעכטלאַכען פארקעהר. עס וואַקסט ביי אים אַ באָרד און זיין שטים ווערט נידעריג ווי ביי אַן ערוואַק־סענעם. זיין שכל און אויפפיהרונג זיינען אַנטוויקעלט ניט לויט די יאָהרען. ער איז טעטיג, ער איז אומרוהיג און אין פילע פּרטים פיהרט ער זיך אויף ווי אַן ערוואַקסענער יונגערמאַן.

דאָס זעלבע קען אויך פאָרקומען מיט אַ מיידעל. אַ קינד פון אַ 4־5 יאָהר איז הויך ווי אַ פערצעהן־פופצעהן יעהריגע מיידעל. איר וואוקס, איר אויסזעהען, איר שטימע, איר שכל און אירע אויפפיהרונגען זיינען ווי ביי

אַן ערוואַקסען מיידעל, נאָר מעהר האַסטיג און אומרוהיג. זי מענסטרואירט, אירע בריסטען זיינען אנטוויקעלט און זי איז רייף פאַר א געשלעכטלאכען לעבען.

ווען דאָס קומט פאַר מיט אַן ערוואַקסענעם, נאָך פולער רייפקייט, קען אַ מאַן אָנהויבען פאַרלירען זיין מענלאכקייט, און א פרוי — איר ווייבלאכקייט. ביי דעם מאַן הויבט אָן די באָרד אויסקריכען און זי ווערט שיטער אָדער פאַרשווינדט אינגאַנצען. זיין שטימע ווערט דינער, און זיין גאַנצע אויסזעהען און אויפפיהרונג ווערט מעהר צאַרט און מעהר ווייבלאך. א פרוי פאַרלירט איר מענסטרואַציע, די בריסטען פאַלען איין און ווערן קליין און טרוקען, עס הויבט ביי איר אָן וואַקסען א באָרד, די שטימע ווערט נידעריגער און גרעבער, די מוסקולען ווערן מעהר אַנגעפילט, זי פאַרלירט דעם חשק צו פוצען זיך און קאָקעטירען, און איר אויסזעהען און אירע אויפפיהרונגען ווערן מעהר עהנלאַך צו דאָס אויסזעהען און אויפפיהרונג עָן פון אַ מאַן. און ווי אין אַלע פאַלען ווען אַ דריז הויבט אָן פונקציאָנירען ניט נאָרמאַל קען עס אָננעמען פארשידענע פאָרמען און שאַטירונגען לויט די באזונדערע אומשטענדען. און, אגב: — אזעלכע פאַלען, וואָס קומען אלס רעזולטאַט פון ניט נאָרמאַלע פונקציעס פון דעם קאָרטעקס, קען מען אַמאָל פארריכטען דורך א כירורגישער אָפּעראַציע.

דער קאָרטעקס קאָנטראָלירט אויך די וואוקס און די אַנטוויקלונג פון דעם מאַרך אין קאָפּ. דער מענש פארמאָגט אַ מאַרך וואָס איז אסך מאָל מעהר אנטוויקעלט ווי ביי דער העכסטער חיה, ווייל זיין קאָרטעקס איז גרעסער און מעכטיגער. עס זיינען געווען פאַלען ווען קינדער זיינען געבוי־רען גוואָרען אָהן א מארך אין קאָפּ, און דאַן האָט זיך ארויסגעצייגט, אז זיי האָבען אויך ניט געהאַט קיין קאָרטעקס אויפ׳ן אדרענאַל. עס איז כאַראַק־טעריסטיש, וואָס מענלאכקייט, אגרעסיוויטעט, געשלעכטלאכקייט און שכל געהען געוועהנלאך צוזאַמען. דאָס אלץ שטאמט פון די זעלבע אַדרענאלס.

דער אינערלאָכער טייל פון דעם אַדרענאַל, די מעדולאַ, ווערט איצט באַטראַכט אַלס דער דריז פון אימוירדזשענסי; אלס דער אָרגאַן צו וועלכען מען קומט אָן אין פאַל פון אַ געפאַהר, ווען דאָס לעבען שטעהט אין סכנה. ער פראָדוצירט א האָרמאָן וואָס רופט זיך „אַ ד ר ע נ אַ ל י ן". ער האַלט אים שטענדיג ביי זיך; געוועהנלאַך שיקט ער ניט זיין הראָמאָן אין די בלוטען אריין ווי עס טוען די אַלע אַנדערע דריזען. אָבער ווען עס קומט

אַ געפֿאַהר — ווען אַ גרויסער בייזער הונט פֿאַלט אָן, אָדער אַן אויטאָמאָביל איז פּלוצים אָנגעלאָפֿען — שיקט ער מאָמענטאַל ארויס דעם אַדרענאַלין, און דאַן קומען פֿאָר אין קערפּער פֿאַרשידענע ענדערונגען.

ווען אַ מענש ווערט פּלוצים געשטעלט אין אַ געפֿאַהר — מוז ער עפּעס טאָן, און טאָן אויף דער גיך, און עטוואָס וואָס פֿאָדערט די אָנווענדונג פֿון אַ פֿיעל העכערער מאָס פֿון ענערגיע ווי געוועהנלאך: אָדער ער מוז אַנט־לויפֿען, אָדער שטעלען זיך אַנטקעגען, אָדער עפּעס אָפּשטופּען פֿון זיך מיט קראַפֿט, אָדער זי אונטערהויבן. אין יעדען פֿאַל מוז ער טאָן עטוואָס וואָס פֿאָדערט אַ גרעסערע מוסקולערע ארבייט, אַ העכערע פּיזישע אָנשטרענגונג, און דאָס פֿאָדערט אַ גרעסערע מאָס ענערגיע, און די ענערגיע מוז באַשאַפֿען ווערן אויף דער גיך.

דער אופֿן ווי אַזוי דער קערפּער פּראָדוצירט פֿאַר זיך ענערגיע בכלל איז אַזאַ: דער ברען מאַטעריאַל וואָס שאַפֿט די ענערגיע און וואָס שפּילט אין דעם קערפּער די זעלבע ראָלע וואָס קוילען אין אַן אויוועז אָדער דאַמף קעסעל, איז צוקער. דעם צוקער קריגט דער קערפּער דורך יענע שפּייזען, וואָס באַשטעהען פֿון צוקער און זיסע זאַכען בכלל, אָדער פֿון די זאַכען וואָס באַשטעהען פֿון קראַכמאַל, ווי ברויט, רייז, גרויפּען, קאַרטאָפֿעל, לאָקשען און אַנדערע. דעם גאַנצען צוקער, וואָס דער קערפּער קריגט אריין דורך די שפּייזען, ווערט אָפּגעלייגט אין לעבער. דאָס איז דער סקלאַד פֿון צוקער אין קערפּער. צוביסלאך לאָזט דער לעבער ארויס דעם צוקער אין די בלוטען אריין, לויט דער פֿאַרברויכטער מאָס ענערגיע, אַ שטייגער ווי אַן אויטאָ־מאַטישע מאַשין וואָס שפּייזט אַן אויוועז מיט קוילען. אָבער ווען אַ געפֿאַהר קומט פּלוצים אָן און עס פֿאָדערט זיך מיט אַמאָל אַ פֿאַרגרעסערטע מאָס ענערגיע, קומען פֿאָר אין דעם קערפּער די פֿאָלגענדע ערשיינונגען:

דער זעלבער עפּענט פּלוצים ברייטער זיינע טויערן און לאָזט אַרויס אין די בלוטען אַ פֿיעל גרעסערע מאָס צוקער ווי געוועהנלאך. כדי די פֿאַרגרעסערטע מאָס צוקער זאָל איבערגעברענט ווערן — איז נויטיג אַ גרעסערע מאָס זויער שטאָף, און דאָס מיינט אייגענטלאך די לופֿט וואָס מיר אטעמען אריין. דערפֿאַר אָטעמען מיר אַזוי האַסטיג ווען מיר שרעקען זיך איבער; דאָס ציהען מיר אין זיך אריין מעהר לופֿט פֿאַר דער זעלבער צייט. עס איז אויך נויטיג אז דאָ זאָל זיך באַטייליגען אַ גרעסער מאָס בלוט, ווייל ערשטענס איז עס דאָס בלוט וואָס טראָגט אָפּ דעם זויער שטאָף (די לופֿט) פֿון די לונגען צום צוקער, און צווייטענס איז עס ווידער דאָס בלוט וואָס צוטראָגט די ענערגיע איבער׳ן גאַנצען קערפּער. און כדי צו מאָביליזירען

די גרעסטע מאָס בלוט פאַר דעם מאָמענט פון געפאַהר ווערט, ער אָפּגע־צויגען פון אומעדום וואו מען קען זיך אָהן אים באַגעהן אויף א קורצער וויל. איבערהויפט ווערט דאָס בלוט אָפּגעצויגען פון דער אויבערפלאַך פון קערפּער, פון אונטער דער הויט. דערפאַר ווערט מען עס בלאַס אין דעם מאָמענט ווען מען שרעקט זיך איבער. א היבשע מאָס בלוט ווערט אויך אָפּגעצויגען פון מאָגען, און אין דעם מאָמענט הערט אויף דער מאָגען צו קאָכען. ביי שוואַכערע מענשען קען דער מאָגען קאַליע ווערן אויף א טאָג און צוויי נאָך דעם ווי מען האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען. אָבער צו מאָביליזירען א גרעסערע מאָס בלוט פאר דעם צוועק איז נאָך ניט גענוג; דאָס בלוט מוז נאָך האָסטיגער צירקולירען ווי געוועהנלאַך. דערפאַר קלאַפּט עס דאָס האַרץ אזוי שטארק באַלד נאָך דעם ווי מען שרעקט זיך איבער; דאָס טרייבט ער שנעלער די בלוטען איבער'ן קערפּער.

דערביי קענען אויך פאָרקומען אַנדערע ערשיינונגען: די אויגען ווערן גרעסער, און ביי אייניגע חיות שטעלען זיך אויף די האָר. און דאָס אַלץ טוט אויף דער אַדרענאַלין. ווי נאָר דער מענש דערזעהט פאַר זיך אַ געפאַהר, שיקט באַלד ארויס די מעדולא איר אַדרענאַלין, און דאַן קומען פאַר אין דעם קערפּער די אַלע ענדערונגען וואָס ווערן אָנגערופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „שרעק", אָדער איבערשרעקען זיך. זאָל א מענש פּלוצים דערזעהען פאַר זיך די גרעסטע מעגלאַכע געפאַהר, און די מעדולא זאָל דעם אַדרענאַלין ניט אַרויסשיקען, וועט ער מיט'ן שכל וויסען, אַז ער איז אין גרויס געפאַהר, ער וועט אָבער בלייבען גלייכגילטיג און קיין שרעק ניט איבערלעבען. און פאַרקעהרט — מען האָט אין חיות אריינגעשפּריצט פאַרטיגען אדרענאַלין, און פּלוצים האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אויפפיהרען ווי זיי זאָלען זיך פאַר עפּעס שטאַרק שרעקען, כאָטש אין דער לאַבאָראַטאָריע איז באַזייטיגט גע־וואָרען אַלץ וואָס האָט געקענט די חיה אָנשרעקען.

זיינען עס די דריזען וואָס באַשאַפען די געפיהלען, אונזערע און קאָנטראָלי־רען אַלע אונזערע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען. אויב א בחור ווערט פריהצייטיג רייף און הויבט זיך אָן יאָגען נאָך מיידלאַך — איז עס אַ געוויסער דריז וואָס האָט אין אים ערוועקט אָט די געפיהלען, שטרעבונגען און האנדלונגען. אויב א פרוי איז אזוי פאַרליבט אין איר קינד, אַז זי איז גרייט פאַר אים דאָס אייגען לעבען אוועקצוגעבען — איז עס די ווירקונג פון א געוויסען דריז. פאַראַליזירט די טעטיקייט פון דעם באַטרעפענדען דריז, און די

מוטער ווערט גלייכגילטיג צו איר אייגען קינד. און אויב עמיצער האָט זיך פלוצים איבערגעשראָקען, איז געוואָרען בלאַס, אַטעמט אָפּט, און דאָס האַרץ קלאפּט האַסטיג — איז עס ווידער די ווירקונג פון א געוויסען דריז. פּאַראַליזירט די טעטיקייט פון דעם דריז, — און דער מאַן וועט זיין גלייכ־גילטיג צו דער גרעסטער געפאַהר. און אזוי מיט אלע אונזערע געפיהלען, האַנדלונגען און אויפפיהרונגען.

9.

מענשען האָבען געגלויבט און גלויבען נאָך איצטער, אז מיט דער אַנטוויקלונג פון ציוויליזאַציע וועלען צוביסלאך פארשווינדען מלחמות, אנטי־סעמיטיזם און אַנדערע פאָרמען פון מענשען האַס. דער חשבון איז אַזאַ: מיט דער אַנטוויקלונג פון דער וויסענשאפט און טעכניק וועט מען פראָדו־צירען אלץ מעהר שפייזען, קליידער און אַנדערע זאַכען פון נויטווענדיקייט און באַקוועמלאכקייט. אַ העכערע שטופע פון ציוויליזאציע וועט אויך ברענ־גען מיט זיך א העכערן אויסדרוק פון גערעכטיקייט, וועט רייכטום צוטיילט ווערן אויף א מעהר גערעכטען אופן צווישען פעלקער און צווישען די מאַסען פון זעלבען פאָלק. דאָס וועט אָפּשוואַכען דעם עקאָנאָמישען מאָטיוו וואָס ווערט געוועהנלאך באַטראַכט אלס די הויפט אורזאַך פון אַנטאַגאָניזם צווישען פאַרשידענע מענשלאכע גרופען בכלל. די ציוויליזאציע וועט אויך ברענגען מיט זיך א העכערע ראַפינירטקייט פון גייסט. מענשען וועלען ווערן איידע־לער, מענשלאַכער, הומאַניטארער, וועט מען זיך שעהמען צו האַנדלען אזוי באַרבאַריש ווי אין די פריהערדיגע צייטען.

אָבער דער גלויבען אין דער קראַפט פון ציוויליזאציע איז אין דער אונטערשטער שורה ניט מעהר ווי א האָפנונג, און א האָפנונג איז אַ גייס־טיגער צושטאַנד אָן וועלכען עס כאַפּען זיך אָן אי איינצעלנע מענשען, אי פעלקער גאַנצע יעדעס מאָל ווען זיי דערפיהלען זיך הילפלאָז געגען א כח וואָס ווירקט געגען זיי. „היינט איז מיר ביטער און שלעכט. אָבער נשקשה: גאָט וועט העלפען און עס וועט נאָך קומען א צייט ווען מיר וועט אויך זיין גוט“. אויב ניט אויף דער וועלט — איז אויף יענער וועלט.

נאָר מיט דער ווירקלאַכקייט שטימט עס ניט. מיר לייגען צופיעל האָפנונגען אויף דעם כח פון ציוויליזאַציע, ווייל מיר מישען צוזאַמען צוויי פאַרשידענע באַגריפען.

עס איז אמת אז מיר, די אזוי גערופענע ציוויליזירטע פעלקער פון אונזער צייט, לעבען אסך בעסער, באקוועמער און מעהר סאַניטאַריש ווי

די פרימיטיווע פעלקער האָבען געלעבט אַמאָל, און לעבען נאָך איצטער. אונזערע היימען, מעבעל און קליידער זיינען אסך באקוועמער; אונזער שפייז איז אסך ריינער, געשמאַקער און נאַרהאַפטער; און מיר באַנוצען זיך מיט אַזעלכע ווונדערבאַרע מאַשינעס און איינריכטונגען, ווי טעלעפאָן, ראַדיאָ, אויטאָמאָבילען, עראָפּלאַנען און אַנדערע. מען ארבייט איצטער אסך ווייניגער און מען האָט אסך מעהר. אָבער דאָס אַלץ איז ניט ציוויליזאַציע, נאָר מאַטעריעלע ק ו ל ט ו ר. דער אונטערשיד איז אַזאַ: קולטור מיינט די שייכות צו מאַשינעס, לאַנד און זאַכען בכלל; און ציוויליזאַציע מיינט די שייכות פון איין מענשען צום צווייטען, פון איין גרופּע מענשען צו א צווייטער. עס דריקט זיך אויס, אָדער דאַרף זיך אויסדריקען, אין ניט טאָן יענעם קיין שלעכטס, און טאָן אים גוטס; און רעכענען זיך מיט דער לאַגע און מיט די געפיהלען פון דעם צווייטען מענשען; און באַהאַנדלען יענעם אַזוי, ווי איך וואָלט געוואָלט אַז ער זאָל מיר באַהאַנדלען; און דעם וואָס ווערט אָנגערופען מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען מאָראַל, אָדער עטיק. און אויף אָט דעם געביט, אויף דעם געביט פון ציוויליזאַציע, האָבען מיר געמאכט אַ זעהר קליינעם, אומבאַדייטענדען פּראָגרעס.

אונזער ציוויליזאַציע איז יעדענפאַלס מעהר ווי פינף טויזענט יאָהר אַלט. די אַזוי גערופענע „געזעצען פון האַמוראַבי" וואָס זיינען פאַרפאַסט און פאַרשריבען געוואָרען מיט איבער 4000 יאָהר צוריק אין אַסיראָ־באַבילאָניאָ גיבען אָן גאַנץ באַשטימטע כללים וועגען דאָס רעכט און די פליכטען פון יעדען בירגער אין באַצוג צו זיין פאַמיליע און די אַלע פאָרמען פון געזעל־שאַפטלאַכען לעבען. דאָס ווערק איז ניט קיין אָריגינעלעס; עס איז געבויט אויף עהנלאכע געזעצען וואָס זיינען פאַרשריבען געוואָרען אין זעלבען לאַנד מיט אסך יאָהרען פריהער. מען קען אָננעמען אויף זיכער, אַז יענע מאָראַלע און עטישע פּרינציפּען, וואָס זיינען פאַרצייכענט אין די „געזעצען פון האַמור־ראַבי" זיינען יעדענפאַלס מעהר ווי 5000 יאָהר אַלט.

אויף איניגע מצבות פון די קברים פון די עגיפּטישע אדעליגע פון דער פינפטער דינאַסטיע, — און דאָס איז געווען מיט איבער 5000 יאָהר צוריק, — האָבען זיך די אַדעליגע באַרימט אז זיי האָבען געפיהרט „אַן אָרענטלאַך לעבען"; אַז זיי האָבען „קיין מאָל ניט צוגענומען מיט גוואַלד וואָס עס האָט באַלאַנגט צו אַנדערע"; אַז זיי האָבן „געטאָן אַלץ וואָס עס איז געווען אָנגענעם פאַר אנדערע"; אַז זיי האָבן „געגעבן ברויט צו הונ־געריגע און קליידער צו נאַקעטע", און אזוי ווייטער. דאָס אַלץ האָט מען ניט פאַרשריבען אויף זייערע מצבות נאָך זייער טויט, ווייל אין יענער צייט

פלעגען די עגיפּטישע קעניגער, פּריסטער, און אַדעליגע אַליין באַשטעלען זייערע מצבות פאַר'ן לעבען און דיקטירט דעם אינהאַלט פון די אויפ־שריפטען. איז עס ניט וויכטיג צו זיי האָבען זיך טאַקע אַזוי אויפגעפיהרט ווי זיי האָבען זיך בארימט, זיכער איז אָבער, אַז מיט 5000 יאָהר צוריק זיינען אין עגיפּטען געווען אַנטוויקעלט גאַנץ הויכע באַגריפען וועגען רעכט און אומרעכט, וועגען דעם וואָס מען מעג, וואָס מען מוז, און וואָס מען טאָר ניט טאָן.

און ביז הינטיגען טאָג לעבען מיר נאָך אַלץ ניט אין איינקלאַנג מיט יענע באַגריפען פון מאָראַל און עטיק פון וועלכע מען האָט געוואוסט מיט 5000 יאָהר צוריק. איר וועט היינט אויך געפינען מענשען אין וועמעס נע־קראָלאָגען מען קען פאַרשרייבען אַז זיי האָבען ניט גע‏גנב'עט און ניט גערויבט און געגעבען צדקה; — אָבער גנבה, רויבעריי, מאָרד, פאַלשקייט, כאַבאַר, שנאה, ניט פאַרגינעריי, ברוטאַליטעט און אלע אַנדערע נעגאַטיווע האַנדלונגען און אויפפיהרונגען ווערן ברייט פּראַקטיצירט איבער דער גאַנצער „ציוויליזירטער" וועלט. טויט־שטראַף עקזיסטירט נאָך אַלץ, כאָטש עס איז ניט באַוויזען געוואָרען, אַז דאָס איז אַ מיטעל געגען פאַרברעכענס. עס איז נאָך קיין הונדערט יאָהר ניטאָ ווי שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפען געוואָרען אין רוסלאַנד און אין אמעריקא; און אין אייניגע געגענדען פון אַפריקאַ און אַזיע עקזעסטירט עס נאָך איצטער. ניט קוקענדיג דערויף וואָס שפּייזען, קליידער, הייזער און אַלע אַנדערע זאַכען פון נויטווענדיקייט און באַקוועמ־לאַכקייטען ווערן איצטער, מיט דער הילף פון מאַשינעס, פּראָדוצירט הונ־דערטער מאָל אַזוי פיעל ווי מיט 5000 יאָהר צוריק, וועט איר נאָך איצטער טרעפען צעהנדליגער מיליאָנען מענשען וואָס וואוינען אין האַלב צופאַלענע נאַקעטע שטיבלאַך, געהען באָרוויס און האַלב נאַקעט און האָבען ניט גענוג שפּייז צו עסען אין די רייכסטע און „ציוויליזירטסטע" לענדער פון דער וועלט.

פאַר פאַרברעכענס האָט מען באַשטראָפט אַמאָל, און מען באַשטראָפט איצטער; און דאָס האַלט אָפּ די מענשען ביז אַ געוויסען גראַד פון באַגעהן גנבות, רויבערייען און מאָרדען. אָבער דאָרטען וואו מען קען זיך אויס־דרעהען פון אַ שטראָף — זאָגט מען ליגענס, מען ברעכט אַ שבועה, מען ראַבירט און מען באַגעהט מאָרדען. ווען די לעצטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָבען אפיציעלע פאַרשטעהער פון דער דייטשער רעגירונג פאַרזיכערט דער בעלגישער רעגיערונג אַז מען וועט זיי ניט אַטאַקירען. און אויף מאָרגען האָט זיך די דייטשע מיליטער אַ רוק געטאָן אויף בעלגיע און זי אַטאַקירט. ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דייטשלאַנד האָט

זיין רעגירונג פֿאַרזיכערט אַז מען וועט די אידען ניט טשעפּען, אויב זיי וועלען זיך האַלטען לאָיאַל; אין עטלאכע טעג שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען די בלוטיגע פֿאַרפֿאָלגונגען אויף אידען. עס איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך, אַז אין צייט פון מלחמה טאָר מען ניט אַטאַקירען פיינדלאַכע שטעט מיט אַ פרידלאַכער באַפעלקערונג; און ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכען האָבען דייטשע דיריזשאַבעלס געוואָרפען באָמבעס אויף לאָנדאָן, און מיט איר „גרויסער בערטאַ״ געשאָסען אויף פאַריז, כאָטש פון א סטראַטעגישען שטאַנדפונקט איז עס ניט נויטיג געווען. דאָס וואָס איטאַליע האָט פאַרכאַפּט אביסיניע, איז געווען אַן אַקט פון פשוט׳ער באַוואָפענטער רויבעריי. עס איז דורכגעפיהרט געוואָרען, וויל מוסאָליני האָט געוואוסט, אז מען וועט אים דערפאַר אין פריזאָן ניט ארייננזעצען. און אזוי איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אונזער „ציוויליזירטער״ וועלט. מענשען באַגעהען ניט קיין פאַרברעכענס נאָר דאָרטען וואו עס לאָזט זיך ניט, אָדער וואו מען ווערט באַשטראָפט; אָבער מאָראַל און עטיק, אָדער ציוויליזאַציע אליין זיינען ניט קיין אָפּהאַלט פון באַגעהן פאַרברעכענס.

אָנגענומען פאַר א וויל, אַז די שטופּע פון ציוויליזאציען וואָס מיר האָבען ביז איצטער דערגרייכט, איז ניט די העכסטע; אַז די העכסטע שטופּע פון ציוויליזאציע, וואָס וועט ברענגען מיט זיך די אָפּשאפונג פון מלחמות, אַנטיסעמיטיזם און מענשען־האַס בכלל, דאַרף ערשט קומען. איז אויב ציוויליזאציע איז אַ פאַקטאָר וואָס דאַרף מיט זיך ברענגען די אָפּשאַפונג פון אַנטאַגאָניזם צווישען מענשען, האָבען זיך דאָך געדאַרפט באווייזען כאָטש די ערשטע סמנים פון אַזאַ אָפּשאַפונג. מיר האָבען דאָך הינטער זיך אַ געשיכטע פון איבער 5000 יאָהר פון ציוויליזאציע. אין דער ווירקלאַכקייט האָבען מיר ניט אפילו קיין אָנהויב פון אַזעלכע סמנים. אפילו אין פראָפּאָרציע צו די באַפעלקערונגען אויף דער וועלט היינט און פריהער, זיינען פאַר די לעצטע פופציג יאָהר געפאַלען אין מלחמות ניט ווייניגער מענשען ווי אין וועלכען פופציג יאָהריגען פעריאָד אין די פריהערדיגע צייטען. און די מלחמות זיינען איצטער נאָך מעהר איינגעשפּארט, נאָך מעהר פאַרביטערט און נאָך מעהר ברוטאַל ווי פריהער.

אַנדערע האָבען געגלויבט, און גלויבען נאָך איצטער, אַז מלחמות און אַנטיסעמיטיזם קענען אָפּגעשאַפען ווערען דורך פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלעהרונג. זיי גלויבען אַז די אַלע אויסדרוקען פון מענשען־האַס זיינען די

פּראָדוקטען פון אומוויסענהייט. דאַרף מען די מענשען ערקלעהרען. מען דאַרף זיי גיבען צו פאַרשטעהן, אז עס איז ניט רעכט און ניט שעהן.

קלינגט אַזאַ גלויבען אויך גאַנץ לאָגיש, אָבער מיט דער ווירקלאַכקייט שטימט עס ווידער ניט. מיר האָבען פאַר זיך צוויי כאַראַקטעריסטישע פאַקטען, — איינער אַן אַלטער, און דער צווייטער אַ נייער.

מיט אַ צוויי טויזענט יאָהר צוריק האָט זיך געגרינדעט די קריסטלאַכע רעליגיע. איר באַזיס איז געווען: מענשען־ליעבע, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט. שלאָגען, הרג׳ענען און אונטערדריקען דעם צווייטען טאָר מען ניט. און כדי שטאַרקער אונטערצושטרייכען אָט דעם עלעמענט פון דער רעליגיע ווערט אין דעם טעקסט־בוך פון דער רעליגיע, אין דעם „נייעם טעסטאַמענט", בפירוש אָנגעזאָגט, אז אויב עמיצער שלאָגט דיר אין דער רעכטער באַק, זאָלסטו אונטערשטעלען די לינקע. טו אַלץ וואָס דו קענסט, אָבער יענעם זאָלסטו ניט אָנריהרען. און דאָס איז ניט נאָר אַ מאָראַלע לעהרע — דאָס איז פריהער פון אַלץ אַ רעליגיע, געבויט אויף איינעם פון די שטאַרקסטע אינערלאַכע כוחות — אויב דעם געפיהל פון אָבערגלויבען, מיט די שרעקען פאַר געהיימע כוחות וואָס פאָלגען נאָך, זעהען און באָמערקען ניט נאָר אַלע האַנדלונגען אייערע, נאָר אפילו די פאַרבאָרגענסטע געדאַנקען אייערע; און מיט אַ שרעק פאַר אַ שטראָף ניט נאָר אויף דער וועלט, נאָר אפילו אַן אייביגע שטראָף אויף יענער וועלט. און דאָך, ניט קוקענדיג אויף דעם אַלעמען, האָבען זיך מלחמות, אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען ניט אָפּגעשטעלט אויף אַ האָר. דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז וואָס די אַלע ווייטערע מלחמות, אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען זיינען דערנאָך געפיהרט געוואָרען אין נאָמען פון דער זעלבער רעליגיע וואָס האָט די אַלע זאַכען בפירוש פאַרבאָטען.

און דער נייער פאַל איז אַזאַ:

פאַר׳ן לעצטען האַלבען יאָהרהונדערט האָט זיך איבער דער ציוויליזירטער וועלט פאַרשפרייט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג וואָס שטרעבט צו אַ מעהר גערעכטען געזעלשאַפטלאַכן צוזאַמענלעבען אויף די פּרינציפּען פון: פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלאַכקייט. עס איז אין עצם די זעלבע זאַך וואָס די קריסטלאַכע רעליגיע, מיט דעם אונטערשיד וואָס דאָס צווייטע איז געבויט אויף גלויבען און אבערגלויבען, און דאָס ערשטע איז געבויט אויף ערפאַהרונגען און מאַטעריעלע אינטערעסען. און דערייבער דאַרפען די פאָרמען פון די אָנווענדונגען פון די פּרינציפּען זיין פאַרשידען. און אזוי ווי געווינען פון דער פאָרם פון געזעלשאַפטלאַכען צוזאַמענ־

לעבען, צו וועלכער עס שטרעבט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, קענען הויפּטזעכלאך די ארבייטער און די אָרימע בכלל, איז די גאַנצע באַוועגונג געריכטעט אין זייער זייט און פון דאָרטען ווערן רעקרוטירט אירע הויפּט כוחות. און די מאָטאָ פון דער באַוועגונג איז: „ארבייטער פון אלע לענדער פאַראייניגט זיך". און פאַראייניגען זיך מיינט געגען די רייכע און די מעכטיגע.

לויט אָט דער מאָטאָ און לויט דעם גייסט פון דער באַוועגונג קומט אויס, אַז אַ פראַנצויזישער אָדער בעלגישער ארבייטער, צ. ב. ש., איז אסך נעהענ־טער צו דעם דייטשען ארבייטער, און זייערע אינטערעסען זיינען אסך מעהר געמיינשאפטליך, ווי די שייכות פון דעם דייטשען קאַפּיטאַליסט און מאַכטהאָבער צום זעלבען דייטשען ארבייטער. די באַוועגונג איז בכלל געגען געוועהר, געגען מלחמות, געגען באוואפענטע צוזאַמענשטויסען. אָבער אויב אַ באַוואפענטער צוזאַמענשטויס איז אומפאַרמיידלאַך מוז עס פאָרקומען צווי־שען פאַרשידענע סאָציאלע און עקאָנאָמישע קלאַסען, און ניט צווישען פאַר־שידענע פעלקער אָדער נאַציאָנאַליטעטען; עס מוז פאָרקומען פון א פאַר־איינינגונג פון די ארבייטער פון פאַרשידענע לענדער געגען זייערע אייגענע קאַפּיטאַליסטען און מאכטהאָבער. דאָס איז דאָך דער גייסט פון דער באַ־וועגונג.

איז די באַוועגונג צוביסלאך געוואַקסען און געקראָגען אלץ מעהר אָנ־הענגער און מיטגלידער, איבערהויפּט אין דייטשלאנד. אין דעם יאָהר 1912 האָבען פיער מיט א פערטל מיליאָן דייטשען געשטימט פאר די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קאַנדידאַטען צום רייכסטאַג, און דאָס זיינען געווען עטוואָס מעהר ווי א דריטעל פון אלע וועהלער אין לאנד אין יענעם יאָהר. דאָס מיינט, אז מיט צוויי יאָהר פריהער, איידער די וועלט־מלחמה האָט אויסגע־בראָכען, זיינען ניט ווייניגער ווי א דריטעל פון דעם גאַנצען דייטשען פאָלק געווען אָדער דירעקטע מיטגלידער פון אָט דער באַוועגונג, אדער, אמווייני־גיסטענס סימפּאטיזירט מיט איר. פונדעסטוועגען ווען צוויי יאָהר שפּעטער האָט דער קיסר זייערער ערקלעהרט מלחמה, האָט דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק, אריינגערעכענט אָט דעם דריטעל „אויפגעקלערטע" בירגער, אָפּגעוואָרפען אָן א זייט אַלע זייערע שטרעבונגען און אידעאלען, האָבען גענומען די ביקסען אין די הענט און געגאַנגען שיסען און הרג'ענען די זעלבע בעלגישע און פראַנצויזישע ארבייטער וועלכע זיי האָבען ערשט נאָר וואָס גערופען צו פאַראייניגען זיך געגען דעם אלגעמיינעם שונאה זייערען.

אַזוי איז עס פאַרגעקומען און אַזוי קומט עס פאָר. עס איז גאַנץ נאַטירלאַך און אַנדערש קען עס ניט זיין. עס איז נאַטירלאַך דערמיט אליין וואָס עס קומט פאָר. ווען עס וואָלט ניט געווען נאַטירלאַך — וואָלט עס ניט פאַרגעקומען. און אַנדערש קען עס ניט זיין — ווייל ווען געוויסע געפיהלען ווערן אין א מענשען צורייצט, טראַכט ער ניט וואָס שפעטער וועט זיין, נאָר וויל דעם געפיהל שטילען אָדער באַפרידיגען שוין, אויפ'ן אָרט.

די „הייליגע" פון דער קריסטלאַכער קירך זיינען געווען מענשען וואָס זיינען געגאַנגען אין „גאָטס וועגען" און אויסגעשטאַנען פאַרשידענע נסיונות. אַזוי פאַרזיכערט מען אונז. און די נסיונות זיינען געוועהנלאַך געווען: בערג מיט גאָלד, אסך כבוד און מאכט, אָדער נאַקעטע שעהנע פרויען. ווייס איך ניט דורך וועלכען כח אָט די מענשען האָבען אויסגעהאַלטען די נסיונות. איך שטעל זיך פאָר, אז דאָס זיינען געווען מענשען ביי וועמען געוויסע דריזען זיינען געווען אָפגעשוואַכט, און דעריבער זיינען די באַטרעפענדע געפיהלען ניט געווען שטאַרק גענוג. איך וואָלט געוואָלט זעהען דעם „הייליגען" — אפילו ניט קיין יונגען, נאָר א מיטעליעהריגען, — אין וועלכען מען וואָלט ארייַנגעשפריצט א געוויסען האָרמאָן, און ער זאָל דערנאָך אויסהאַלטען דעם נסיון פון זיין אליין מיט א נאַקעטער פרוי. אַזאַ הייליגען האָב איך ניט געזעהען. איך האָב אָבער געזעהען ווי אַן וואָאַנגעליסטישער פרעדיגער איז געוואָרען רויט פון כעס און זיך געוואָרפען שלאָגען אויף אַן עלטערן האַלב שיכור'ען מאַן, וואָס האָט פון אים חוזק געמאַכט ווען יענער איז געשטאַנען אויף אַ ווינקעל גאַס אין ניו־יאָרק און געפרעדיגט זיין קריסטלאַכע לעהרע.

אָבער אָנגענומען אַז אַלץ וואָס מען זאָגט אונז וועגען די „הייליגע" און זייערע נסיונות איז אמת. זיינען זיי דאָך אויף דעם הייליגע, קאַנאָניזירט פון דער קירך, און מענשען בוקען זיך צו זייערע בילדער און בעטען צו זיי ווי צו האַלב געטער. קען מען דאָך ניט דערוואַרטען אַז אַלע מענשען פון דער וועלט, די מאַסען פון די פעלקער זאָלען זיין הייליגע און אויסשטעהן די נסיונות ווען זייערע געפיהלען ווערן צורייצט.

10.

איז ערגעץ פאַראַן אַן אויסוועג פון אַט דעם פאַרכישופ'טען קרייז פון אַנטאַגאָניזם, האַס און מלחמות, אין וועלכען אונזערע אייגענע געפיהלען האַלטען אונז געגען אונזערע אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסען?

איך זעה פאַר זיך צוויי וועגען: צוויי מיטלען וואָס קענען אַנגעווענדעט ווערן צו באַזייטיגען מלחמות און מענשען־האַס. איין מיטעל איז אַ גרינד־לאַכער, אָבער דער וועג איז זעהר אַ לאַנגער. דער צווייטער וועג איז קיר־צער, אָבער דער מיטעל איז ניט קיין זיכערער.

מלחמות און אַנטיסעמיטיזם זיינען ערשיינונגען נאַטירלאַכע, אָבער קראַנק־האַפטע, פּאַטאָלאָגישע. מוז מען זיי באַהאַנדלען ווי פּאַטאָלאָגישע ערשיי־נונגען.

עס איז גאַנץ נאַטירלאַך, אַז אויף דער וועלט זאָלען עקזיסטירען אַזעלכע אָרגאַניזמען וואָס מיר רופען „דיפטעריא באַצילען"; און פאַר אַט די באַצילען איז עס נאַטירלאַך, אַז ווען זיי דרינגען אריין אין די קערפּערס פון מענשען, איבערהויפּט פון קינדער, און געפינען דאָרטען פאַר זיך גינסטיגע באַדינ־גונגען פאַר זייער עקזיסטענץ, זאָלען זיי זיך דאָרטען פאַרמעהרען אין ריזיגע מאַסען אין אַ קורצער צייט. עס איז אויך נאַטירלאַך, אַז אין די קערפּערס וואו זיי פאַרמעהרען זיך זאָלען זיי אַנטוויקלען אַ גיפט פון וועלכער עס אַנטשטעהט די קראַנקהייט וואָס מיר רופען „דיפטעריא". אָבער פאַר אונז, מענשען, איז די ערשיינונג זעהר אַ שעדלאַכע: עס פאַרשאַפט אומבאַקוועמ־לאַכקייט, וועהטאָגען און שטעלט דאָס לעבען אין געפאַהר. און דערפאַר רופען מיר דעם צושטאַנד אַ קראַנקהאַפטען, אַ פּאַטאָלאָגישען, ווי נאַטירלאַך די ערשיינונג זאָל ניט זיין אַן און פאַר זיך.

דאָס זעלבע איז מיט מלחמות און אַנטיסעמיטיזם. אויף וויפיעל זיי זיינען די רעזולטאַטען פון דער טעטיקייט פון אונזערע אייגענע דריזען, זיינען די ערשיינונגען נאַטירלאַכע. אָבער אויף וויפיעל זיי זיינען שעדלאַך פאַר די פעלקער און לענדער וואָס פּראַקטיצירען זיי, זיינען זיי אויסדרוקען

פון אַ קראַנקהאַפטען צושטאַנד. און אויב עס זיינען פאַראַן איינצעלנע מענשען, אָדער קליינע גרופּעס מענשען וואָס פּראַפּיטירען פון דעם, פאַר־קלענערט עס ניט זייער שעדלאַכקייט. דאָקטוירים, נוירסעס און דראָגיסטען קענען געווינען פון אַן עפּידעמיע פון דיפטעריא; דאָך ווילען מיר די עפּי־דעמיע ניט האָבען. און אויב דער צושטאַנד איז א קראַנקהאַפטער — דאַרף מען אים אלס אַזאַ באַהאַנדלען און זוכען מיטלען געגען אים.

דער אופן ווי מען האָט באַקעמפט דיפטעריאַ איז אַזאַ: מען האָט געזוכט און געפאָרשט און ענדלאַך אַנטדעקט אז די קראַנקהייט ווערט פאַר־אורזאכט פון א געוויסען מין באַצילען. דערנאָך האָט מען אנטדעקט, אז ביי געוויסע באַדינגונגען און מאַניפּולאַציעס קען מען אין די בלוטען פון מענ־שען און חיות אנטוויקלען א ווידערשטאנד צו דעם גיפט וואָס אַט דער מין באַצילען פּראָדוצירט. און איצטער טוט מען אזוי: אין די בלוטען פון פערד אנטוויקעלט מען יענעם געגענגיפט (אַנטיטאָקסין) וואָס ווירקט געגען דעם גיפט פון די דיפטעריאַ באַצילען. צאַפּט מען פון זיי ארויס א געוויסע מאָס בלוט און מען האַלט עס אין פלעשעלאַך, ניט די רויטע בלוט האלט מען אין פלעשעלאַך, נאָר דעם סערום, ד. ה. די ווייסע פליסיקייט פון בלוט, אָהן די רויטע קייקעלאך. און ווען א מענש ווערט קראנק אויף דיפטעריא, שפּריצט מען אין אים אריין אַט דעם סערום, און ער ווערט געראַטעוועט. און דער רעזולטאַט איז א שטוינענדער: אַמאָל איז דיפטעריאַ געוועזן איינע פון די שרעקלאַכסטע און געפעהרלאַכסטע קראַנקהייטען, די שרעק פון די מוטערס פון דער וועלט; און איצטער, א דאַנק דעם סערום, איז די קראַנק־הייט א זעלטענע, ניט קיין געפעהרלאַכע און קיינער שרעקט זיך ניט פאַר איר.

אָבער מעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע צוועקען איז די געשיכטע מיט פּאָקען. דאָס איז איינע פון די געפעהרלאַכסטע אָנשטעקענדע קראַנק־הייטען. אין אמאָליגע יאָהרען פלעגט עס אויסברעכען אין מגפות וואָס האָבען אַוועקגערויבט מיליאָנען לעבענס. אין דעם 18טען יאָהרהונדערט אליין האָבען פּאָקען אוועקגערויבט ארום זעכציג מיליאָן נפשות. אָבער אין יאָהר 1796 האָט דער קליינשטעטעלדיגער דאָקטאר עדוואַרד דזשענער אין ענגלאנד אנדעקט אז ווען עמיצער שטעקט זיך אָן מיט פּאָקען פון א קוה קומט ער אָפּ מיט א לייכטער ניט געפעהרלאַכער קראַנקהייט; דערפאַר אָבער אַנטוויקעלט זיך אין זיין קערפּער אַ ווידערשטאַנד צו דער געפעהרלאַכער פאָרם פון פּאָקען. האָט ער אָנגעהויבען עקספּערימענטירען. ער האָט גענומען די פּאָקען פון קיה און מיט דעם אָנגעשטעקט יונגע מענשען. האָט יעדער פון זיי

דורכגעלעבט א צושטאַנד פון פּאָקען אין א זעהר לייכטער פאָרם, דערפאַר אָבער האָט זיך קיינער פון זיי ניט אָנגעשטעקט מיט די אמת'ע פּאָקען; זיי זיינען געווען זיכער אַז די געפעהרלאַכע פּאָקען וועלען זיי שוין מעהר ניט קריגען. אויף אַזאַ אופן איז אַנדעקט געוואָרען דער פּראָצעס פון „שטעלען פּאָקען". איצטער פאָדערן די געזעצען אין יעדען ציוויליזירטען לאַנד באַזונדער, אַז מען זאָל די קינדער שטעלען פּאָקען כדי אָפּהיטען זיי פון אָט דער קראַנקהייט אויף זייער גאַנץ לעבען. און דער רעזולטאַט איז, אז איצטער איז פּאָקען א זעהר זעלטענע ערשיינונג.

די זעלבע זאַך האָט מען געדאַרפט טאָן אין באַצוג צו יענעם קראַנקהאַפטען צושטאַנד וואָס דריקט זיך אויס דורך מלחמות און אַנטיסעמיטיזם. און רופט עס ניט אַנטיסעמיטיזם, — רופט עס „מענשען־האַס". אַנטיסעמיטיזם ווערט נאָר פּראַקטיצירט דאָרטען, וואו עס זיינען פאַראַן גענוג אידען, דאָרטען וואו עס זיינען קיין אידען ניטאָ, געפינט מען אַנדערע פּאָליטיש שוואַכערע גרופּען אויף וועמען אויסצודריקען דעם זעלבען געפיהל.

אין די ביאָלאָגישע און מעדיצינישע לאַבאָראַטאָריעס פון דער וועלט האָט מען געדאַרפט אָנהויבען אַ ליניע פון פאָרשונגען מיט'ן צוועק אויסצוגעפינען וועלכע פון אונזערע דריזען שאַפען עס יענע געפיהלען וואָס פיהרען צו מלחמות און מענשען־האַס, און ביי וועלכע באַדינגונגען עס קומט פאָר. די אויפגאַבע איז ניט קיין לייכטע, אָבער אַן אָנהויב אין דער ריכטונג איז שוין דערגרייכט געוואָרען. אזוי צ. ב. ש. האָבען מיר גענוג גרונד צו זיין זיכער, אז דער קאָרטעקס פון דעם אַדרענאַל שפּילט א גרויסע ראָלע, אויב ניט די גרעסטע, און שאַפען דעם געפיהל און די שטרעבונג פון קאַמפּסלוסטיקייט און אַגרעסיוויטעט. דערנאָך דאַרף מען אָנהויבען די צווייטע ליניע פון פאָרשונגען מיט'ן צוועק אויסצוגעפינען וועלכע מיטלען עס דאַרפען אָנגענומען ווערן צו פּאַראַליזירען די שעדלאַכע ווירקונג פון די באַטרעפענדע דריזען, נאָר אזוי אז אין דער זעלבער צייט זאָלען ניט פּאַראַליזירט ווערן זייערע נוצלאַכע טעטיקייטען און ווירקונגען.

אויף אָט דעם צווייטען געביט איז אַן אָנהויב שוין אויך דערגרייכט געוואָרען. פאַר די לעצטע עטלאַכע צעהנדליג יאָהר האָט מען אָפּערירט אָדער מאַניפּולירט מיט דריזען, און איינגעשפּריצט פּאַרטיגע האָרמאָנען אין מענשען און געענדערט זייערע געפיהלען און אויפפיהרונגען און אפילו זייער פיזישען אויסזעהען.

און דאָ דאַרף קומען דער נעקסטער און ענדלאַכער שריט. פונקט ווי די געזעצען פאָדערן אַז יעדען קינד זאָל מען שטעלען פּאָקען; און פונקט

ווי מען שפריצט אייך אין יעדען איינעם א מיטעל געגען טיפוס אין די צייטען פון גרויסע פאַרפלייצונגען; און פונקט ווי מען ווענדעט אָן דורך דער קראַפט פון גאַנצע אנדערע מעדיצינישע, סאַניטאַרע און היגיענישע מיטלען, — אַט פונקט אזוי וועט מען דאַרפען אָנווענדען אויף יעדען איינעם דעם ניי־אַנדעקטען מיטעל וואָס וועט פאַראַליזירען די שעדלאכע ווירקונגען פון געוויסע דריזען, און ניט דערלאָזען די צורייצונג פון געפיהלען וואָס פיהרען צו מלחמות און מענשען־האַס.

און דאָס איז דער איינציגער ראַדיקאַלער מיטעל אָפצושאַפען מלחמות און מענשען־האַס. קיין אַנדער גרינדלאַכער מיטעל איז ניטאָ. ווייל אזוי לאַנג ווי עס וועלען זיין דריזען וואָס וועקען געוויסע געפיהלען, וועלען זיך שטענדיג געפינען מענשען מיט אמביציע, מאַכט און אונטערנעמונגס־גייסט וואָס וועלען אַט די געפיהלען אויסנוצען פאַר זייערע אייגענע פראַ־פיטען.

אָבער דער וועג איז זעהר אַ לאַנגער.

די לאַבאָראַטאָריעס פאַר וויסענשאַפטלאכע פאָרשונגען ווערן אויפגע־האלטען אָדער געשטיצט פון רעגירונגען, פון רייכע אָרגאַניזאציעס און פון איינצעלנע רייכע מענשען. און דאָס זיינען גראַדע די עלעמענטען וואָס זיינען ווייניגער פון אַלץ פאַראינטערעסירט אין אָפשאַפען מלחמות און מענשען־האַס. וועלען זיי ניט שטיצען אזעלכע פאָרשונגען.

און ווייטער — אַזאַ ארבייט, וואָס איך האָב דאָ אין זינען, איז מעגלאַך נאָר דורך דער קאָאָפּעראַציע פון די אלע ביאָלאָגישע און מעדיצינישע פאָר־שונגס לאַבאָראַטאָריעס פון דער וועלט. און אַזאַ פולהאַרציגע קאָאָפּעראַציע איז צווישען זיי ווייניג וואַרשיינלאַך.

עס איז אמת אז אין די וויסענשאַפטלאַכע זשורנאַלען פון דער וועלט ווערן שטענדיג געדרוקט באַריכטען וועגען דעם גאַנג פון ארבייט וואָס עס געהט אָן אין פאַרשידענע לאַבאָראַטאָריעס און וועגען די רעזולטאַטען וואָס זיינען דאָרטען דערגרייכט געוואָרען. דאָס איז טאַקע אַ פאָרם פון קאָאָפּע־ראַציע און א גרויסע הילף אין דעם גאַנג פון וויסענשאפטלאכען פראָגרעס. עס ווערט אָבער ניט געטאָן אין אַזאַ ברייטער מאָס און אזוי אָפענהערציג ווי מען האָט עס געקענט ערוואַרטען. נאָך אלעמען זיינען די וויסענשאפט־לאַכע פאָרשער אויך ניט מעהר ווי מענשען, זיי האָבען אויך דריזען און די געפיהלען וואָס דרוקען זיך אויס אין דעם געיעג נאָך כבוד, שטרעבונג זיך

אויסצופיינען, אייפערזוכט און ניט פאַרגינעריי. אין זייערע קרייזן הערשען געוויסע טראַדיציעס און א געוויסע פּראָפעסיאָנעלע עטיק, און דאָס העלפט זיי צו אונטערדריקען אין זיך ביז א געוויסען גראַד אָט די געפיהלען. אין פאַרגלייך מיט אנדערע מענשלאַכע גרופּען וועט איר צווישען די וויסענ־שאַפטלאַכע טוער געפינען א גרעסערע צאָהל מענשען באשיידענע וואָס יאָגען זיך ניט נאָך כבוד אזוי שטאַרק, און זיינען גרייט אוועקצוגעבען די רעזול־טאַטען פון זייערע פאַרשונגען לטובות דער מענשהייט. אָבער נאָך אַלץ ניט גענוג פאַר א פולער און אויפריכטיגער קאָאָפּעראציע פאַר אן אלגע־מיינעם צוועק. און וואָס גרעסער דער צוועק — אַלץ וויי־ניגער קאָאָפּעראציע.

אין מיינע קאָנטאַקטען, אלס צייטונגס־מאַן, מיט וויסענשאפטליכע פאַר־שער און לאַבאָראַטאָריע ארבייטער האָב איך זיך ניט איין מאָל אָנגעשטויסען אויף פאַלען פון פּראָפעסיאָנעלער אייפערזוכט, ניט פאַרגינערייי און „פּאָלי־טיקס" וואָס האָבען גאַנץ קענטיג געשטערט וויסענשאפטלאַכע פאַרשונגען. און דער „ניו־יאָרק וואָרלד־טעלעגראַם" האָט דעם 6טען מערץ 1937 אָפּגע־דרוקט אויסצוגען פון דעם פאַרטראָג וואָס דר. עליס מאַקדאָנאַלד, דירעקטאָר פון דער ביאָכעמישער פאַרשונגס לאַבאָראַטאָריע פון דעם פרענקלין אינס־טיטוט אין פילאדעלפיא, האָט געהאלטען פאר די מיטגלידער פון דעם אינ־סטיטוט. אין זיין פאַרטראָג האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז אייפערזוכט און אַנטאַגאָניזם צווישען די פאָרשער אויפ׳ן געביט פון קאַנסער שטערט זעהר פיעל אין זייער ארבייט. ער האָט זיי באַשולדיגט, אַז צוליב זייער כבוד זובעריי קען מען קיין פּראָגרעס ניט מאַכען אויפ׳ן געביט פון קאַנסער.

און אויב איר ווילט — איז עס גאַנץ נאַטירלאַך: די וויסענשאפטסלייט זיינען אויך מענשען.

אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז עמיצער האָט צופעליג אנדעקט אַזאַ מיטעל וואָס וועט פּאַראַליזירען די געפיהלען און שטרעבונגען וואָס פיהרען צו מלחמות און מענשען־האַס. וועט עס די וועלט ניט אויפנעמען און ניט אָנווענדען. די וועלט באשטעהט פון באזונדערע לענדער, און יעדעס לאַנד באזונדער ווערט געפיהרט און קאָנטראָלירט פון מענשען וואָס זיינען ניט פאראינטערעסירט אין אָפּשאַפען מלחמות און מענשען־האַס. ווען זיי וואָלטען עס געוואָלט טאָן — וואָלטען זיי עס געטאָן אָהן קינסטלאַכע מיטלען. און ניט דערלאָזענדיג אָנצואווענדען דעם נייעם מיטעל וועלען זיי ארויס־שטעלען דעם זעלבען ארגומענט, וואָס זיי שטעלען ארויס איצטער ווען זיי גיבען אויס יעדעס יאָהר הונדערטער און טויזענטער מיליאָנען דאָלארס אויף אַלץ נייע באַוואפנונגען. זיי זאָגען, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטען צו

פאַרטיידיגען זיך געגען א מעגלאכען שונא. און אגב — דער פראַצעס פון באַוואָפענען זיך ווערט אויף דעם אָפיציעלען לשון אָנגערופען ניט „באַוואָפ־ פונג״, נאָר „פאַרטיידיגונג״. קיינער באַוואָפענט זיך ניט — אָפיציעל — כדי צו אַטאַקירען אַנדערע, נאָר כדי צו פאַרטיידיגען זיך געגען אַנדערע; און מען זוכט איינצורעדען דעם עולם, אַז בלויז דורך א מעכטיגער באַוואָפנונג פאַרזיכערט מען זיך געגען מלחמות, — כאָטש די ערפאַהרונגען צייגען פונקט דאָס פאַרקעהרטע: מלחמות קומען פאָר ווייל מען באַוואָפענט זיך שטענדיג און מען גרייט זיך צו זיי יאָהרען לאַנג. עס איז אבער ניט וויכטיג וואָס זיי זאָגען, — וויכטיג איז, וואָס די מאכט איז אין זייער הענט און זיי טוען וואָס זיי ווילען, בפרט נאָך וואָס יעדעס יאָהר געהט דער עולם צו די שטימקאַסטענס און שטיצט זייער מאַכט.

דער צווייטער וועג וואָס איך שטעל זיך פאָר איז אביסעל קירצער, דערפאַר אָבער איז דער מיטעל ניט קיין זיכערער און א צייטווייליגער. די צייטווייליקייט קען אפשר אָנהאַלטען אייביג, אָבער פאַרלאָזען זיך אויף אים קען מען ניט, ווייל דער איבעל ווערט ניט ארויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל.

סאַי מלחמות און סאַי אנטיסעמיטיזם האָבען געקענט ניט פאָרקומען אויך, ווייל פונקט ווי עס זיינען פאַראַן אומשטענדען און כוחות וואָס האַלטען די אָן, פונקט אזוי זיינען פאַראַן אומשטענדען און כוחות וואָס זיינען געגען זיי. נאָר איינצעלנע מענשען און קליינע גרופעס וואָס זיינען אין דעם פאַר־ אינטערעסירט און האָבען די נויטיגע מיטלען און מאַכט האָבען ארויפ־ געלייגט זייערע פינגער אויף איין וואָג־שאָל, האָט יענע שאָל אריבערגע־ וואויגען אויף זייער זייט. קען איצטער דער צווייטער צד נאָכטאָן דעם ערשטען, ארויפלייגען זיין געוויכט אויף דער צווייטער שאָל און זעהען אריבערוועגען זי אויף זיין זייט.

אין דער פראַקטישער אָנווענדונג דאַרף עס זיך אויסדריקען אין דעם, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַן אַלוועלטלאַכער אַנטי־מלחמה באַוועגונג, וואָס זאָל, נאַטירלאַך, אריינגעמען אין זיך די געגנערשאַפט צו אַלע פאָרמען פון מענשען־האַס. איך מיין ניט יענע וואָסערדיגע סענטימענטאַלע באַווע־ גונגען וואָס עקזיסטירען איצטער אָדער אַלס טיילען פון אַנדערע באַווע־ גונגען — רעליגיעזע, ראַדיקאַלע אָדער ליבעראַלע, — אָדער אלס באַווע־ גונגען זעלבסטשטענדיגע, א שטייגער ווי די אמעריקאנער „וואָרלד פיס פאונ־ דיישאָן״. אָט די „פאַונדיישאָן״ איז א כאַראַקטעריסטישע אָרגאַניזאַציע פון

איר מין. זי איז געגרינדעט געוואָרען אין 1910 מיט׳ן צוועק „צו ערציהען די פעלקער פון אלע לענדער אין דעם באַוואוסטזיין וועגען די פארלוסטען און פאַרניכטונגען וואָס מלחמות ברענגען מיט זיך; זייערע שלעכטע ווירקונגען אויף די איצטיגע סאָציאַלע באַדינגונגען און אויף דעם וואוילזיין פון די צוקונפטיגע דורות״ און אזוי ווייטער און ווייטער. די אָרגאַניזאציע האָט א באַארד אָוו טראָסטיס, מיט א „דזשענעראַל סטעף״, מיט א פרעזידענט, דירעקטאָר, סעקרעטארען און די אלע באַצאָהלטע און פריווילעגיע בעאמטע, וָן גיט ארויס ביכער און בראָשורען וואָס קאָסטען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל דאלאר אָ שטיק אָדער אָ יאָהר. דאָס אַלץ קלינגט אַזוי שעהן און אַזוי פאַרשפּרעכענד. אָבער וואָס האָט די אָרגאַניזאציע אויפגעטאָן פאַר די 27 יאָהר פון איר עקזיסטענץ? פאַר דער צייט איז די וועלט־מלחמה פאַרגעקומען, און די פאַראייניגטע שטאַטען איז אריין אין דער מלחמה; און יאָהרען לאנג האָט מען זיך געשלאָגען אין זיד־אמעריקא צוליעב א שטיקעל וויסטעניש; און איטאליע האָט פאַרכאַפּט אביסיניע, — און די אָרגאַניזאציע עקזעסטירט נאָך אַלץ. און אגב, — פרעגט אייערע פריינד און באַקאַנטע וויפיעל פון זיי וויסען וועגען דער עקזיסטענץ פון אָט דעם „פאַונדיישאָן״?

ניין, ניט דאָס מיין איך. וואָס איך האָב אין זינען איז אָ טיכטיגע, אינטענסיווע אויפקלערונגס־אַרבייט וואָס זאָל אריינדרינגען טיעף אין די ברייטע שיכטען פון די מאַסען פון די פעלקער. מען דאַרף דערקלעהרען און באַווייזען דעם ברייטען עולם אַז יענע באַגריפען וועגען פאַטריאָטיזם און העלדישקייט, וואָס מען האָט איינגעפלאנצט אין אונז פון קינדווייז אָן, זיינען פאַלשע, ספּעציעל באַשאַפען צו דינען די אינטערעסען פון די רייכע און מעכטיגע. אַז פאַטריאָטיזם מיינט ניט צו געהן דערשיסען יענעם און ריזיקירען מיט׳ן אייגענעם לעבען פאַר דער גלאָרי פון א דיקטאָטאָר, א קעניג אָדער אָ פאַר גענעראַלען; און ניט מאַכען נאָך רייכער און נאָך מעכטיגער די אַזוי אויך רייכע און מעכטיגע באַנקירען און פאַבריקאַנטען, — נאָר דינען די רעאַלע, דיווירקלאַכע, די ממשות׳דיגע אינטערעסען פון דעם אייגענעם לאַנד און פאָלק.

מען דאַרף פאַרפאַסען, ארויסגעבען און פאַרשפרייטען טיעף צווישען דעם ברייטען עולם א ליטעראַטור, אי פאַר ערוואַקסענע אי פאַר קינדער, וואָס זאָל פאַר זיי קלאָהר מאַכען אָט די אַלע זאַכען, זאָל אָפּעלירען צו זייער גראָדען שכל, ערפאהרונגען און פראַקטישע אינטערעסען און וועקען און רייצען אין זיי יענע געפיהלען, וואָס קענען דינען דעם צוועק, און הויפּטזעכלאַך די געפיהלען פון יושר און גערעכטיקייט.

צו טאָן אַזאַ ארבייט מעג מען דערלאָזען בלויז מענשען מיט טאַלאַנט, אויפריכטיקייט און איבערצייגונג, און אַט די פאָרם פון ליטעראַטור דאַרף זיין געבויט אויף ווירקלאַכע שטרענג אונטערגעקליבענע פאַקטען. מען טאָר ניט דערלאָזען געקינצעלקייט אָדער איבערטרייבונגען, אַנדערש וועט עס קלינגען ניט איבערצייגענד און פאַלש און ניט האָבען די געווינשטע ווירקונג.

אַט דער צווייטער וועג איז אפשר אביסעל קירצער ווי דער ערשטער, אָבער נאָך אַלץ לאַנג גענוג, ווייל די רעגירונגען און די מאַכטהאָבער פון די באַזונדערע לענדער וועלען ניט דערלאָזען אַזאַ באַוועגונג.

אַזוי לאַנג ווי די אַנטי־מלחמה באַוועגונגען, ווי זיי זיינען איצטער, זיינען ניט מעהר ווי א סענטימענטאַלער צייט־פאַרטרייב ביי א זעהר באַגרענעצטער צאָהל מענשען, און די גאַנצע טעטיקייט זייערע דריקט זיך אויס אין צו־פעליגע ביכער און בראָשורען וואָס דערגעהען ניט צום ברייטען עולם, און אין אומשולדיגע מיטינגען און רעזאָלוציעס, און אין אומשעדלאַכע גאַסען דעמאַנסטראַציעס אַמאָל ביי א געלעגענהייט; און אַזוי לאַנג ווי די רעגירונגען פאָדערן אַלץ נייע הונדערטער און טויזענטער מיליאָנען דאָלארס אויף אַלץ נייע און נייע באַוואָפּונגען, און די פאַרלאַמענטען אָדער קאָנגרעסען באַווי־ליגען עס אָהן שוועריקייטען, — ווערן נאָך אַזעלכע אנטי־מלחמה באַוועגונגען געדולדעט צוביסלאַך אין די אַזויגערופענע דעמאָקראַטישע לענדער. עס איז ניט כדאי צו אונטערדריקען אַזאַ אומשעדלאַכע באַוועגונג און מיט דעם שטערן די אילוזיע פון דעמאָקראַטישקייט און די פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק. און דאָס דולדעט מען אויך ניט צופיעל. אין די פאַראייניגטע שטאַטען, וואָס שטאָלצירט שטענדיג מיט איר דעמאָקראַטישקייט און מיט אירע פרייהייטען האָט מען שוין אָפּגעזאָגט פון זייערע שטעלעס א היבש ביסעל לעהרער און פראָפעסאָרען און ארויסגעטריבען א היבש ביסעל שילער און סטודענטען פון האַי־סקולס און קאַלעדזשעס פאַר באַטייליגען זיך אין אַזעלכע באַוועגונגען. אָבער זאָל די באַוועגונג אָננעמען א גענוג ברייטען פאַרנעם און קריגען א גענוג ערנסטען כאַראַקטער, — וועט מען עס באַלד אָפּשטעלען. און אָפּשטעלען וועט מען עס טאקע אין נאָמען פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע, — ווי יענער גלח וואָס האָט מיט א שווערן באַגילדעטען צלם געקלאַפּט דעם פויער אין קאָפּ אלעמאַי ער געהט ניט אין קירך דינען גאָט.

און ניט זיכער איז דער מיטעל צוליעב דער אורזאַך וואָס איך האָב פריהער אָנגעגעבען: דער איבעל ווערט ניט ארויסגעריסען מיט׳ן וואָרצעל. א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג פון דער וועלט קען היגעריסען

ווערן פון דעם אַנטי־מלחמה געדאַנק, ווערן זיינע אָנהענגער און זיך אָנהויבען פיהלען פריי פון מלחמות און מענשען־האַס. און פלוצים קען, אין א פאַסיגען מאָמענט, קומען עמיצער מיט גענוג אמביציע, ענערגיע און אונטערנעמונגס גייסט, פראָקלאַמירען א נייעם לאָזונג, — און דער לאָזונג קען גראדע זיין א גאַנץ ראדיקאלער — צורייצען די געפיהלען און אריינציהען די מענשען אין א נייער בלוטיגער מלחמה.

פונדעסטוועגען אויפגעבען דארף מען עס דאָך ניט. אין פאַרגלייך מיט דעם ערשטען וועג האָט דער צווייטער די מעלה, וואָס יעדער איינער קען, לויט זיינע כוחות און פעהיגקייטען, צולייגען זיין פינגער באַזונדער. און אויב עס וועלען זיך דאָ אָנזאמלען גענוג פינגער אזעלכע — איז מעגלאך, אז מיט דער צייט זאָל זיך דאָ אָנזאמלען גענוג געוויכט איבערצואוועגען די וואָג־שאָל אויף דער זייט פון די אינטערעסען פון די ברייטע מאסען פון פאָלק אין יעדען לאַנד באזונדער. און אויב ניט — וועלען מיר אויף ווייטער פאַרבלייבען פונקט אזוי הילפלאָז געגען מלחמות און מענשען־האַס ווי ביז איצטער, און ווי אונזערע אורעלטערן זיינען געוועז הילפלאָז געגען פאָקען, דיפטעריאַ און אנדערע אנשטעקענדע קראנקהייטען.

איך וויים און איך פיהל אַז עס וואָלט געווען אסך שעהנער און פאַסיגער ווען איך וואָלט אין מיין פינאַלען אַקאָרד אריינגעגעבען א מעהר אָפּטימיסטישען טאָן פון צוזאָג, האָפנונג אָדער עטוואָס עהנלאַכעס. איך האָב אָבער ניט אַזאַ טאָן אָדער אַזאַ וואָרט. די געזעצען פון פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע מיט וועלכע איך בין באַקאַנט, און די לעבענס־ערפאַהרונגען וואָס איך האָב דורכגעלעבט גיבען מיר ניט קיין מאַטעריאַל און ניט קיין גרונד פאר אזא וואָרט אָדער האָפנונג. און אויב עמיצער ווייסט פון א קירצערערן וועג און זיכערערן מיטעל — זאָל ער מיר זאָגען, וועל איך אים זעהר דאַנקבאַר זיין.